GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אין מיין גערעכטיג-
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר ניט אפלאזען.

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראיי-
ניגט אייך, און די
וועלט וועט זיין
אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. XI., No. 35, New York, N. Y., Friday, November 15, 1929 | ניו יארק, פרייטאג, 15טער נאוועמבער, 1929. | PRICE 3 CENTS

קלאוקמאכער געגען גרופען פאליטיק אין דער יוניאן

גרעסטע צאהל אפגעגעבענע שטימען אין דער געשיכטע פון קאנווענשאן וואהלען. — העפטיגער וואהל קאמף אין לאקאל 9 און לאקאל 2.

אין משך פון דער גאנצער לעצטער וואך זיינען אין ניו יארק פארגעקומען עלעקשאנס פאר קאנווענשאן דעלעגאטען פון דער אינטערנעשאנאל, וואס וועט ערעפענט ווערען אין קליוולאנד דעם ערשטען מאנטאג אין מאנאט דעצעמבער, 1929.

די מיטגלידער פון דער יוניאן האבען ארויסגעוויזען אן אויסערגעוועהנליך גרויסען אינטערעס אין די וואהלען און די וואהל-באטייליגונג איז געווען איינע פון די גרעסטע אין דער געשיכטע פון דער יוניאן.

די וואהלען זיינען געווען באגלייט מיט א העפטיגען גרופען-קאמף. דער גרופען-קאמף איז ספעציעל פארגעקומען אין לאקאל 9 און אין לאקאל 2. ווארום פאר די וואהלען האט מען פון אלע זייטען געקאקוסט, און אין עלעקשאן טאג האט מען געארבייט מעשים צו עלעקטען די געוואונשענע קאנדידאטען. מען האט פארטיילט וואהל-סלייטס און ליפלעטס, אין וועלכע מען האט די קאנדידאטען פון די אנדערע גרופען אנגעגריפען און די אייגענע קאנדידאטען געלויבט. דער איינציגער אומפארטייאישער קאנדידאט איז געווען פרעזידענט שלעזינגער — ער איז געווען דער קאנדידאט פון די קלאוקמאכער, וואס ווילען א שטארקע יוניאן (ער איז ערוועהלט געווארען כמעט איינשטימיג).

דער וואהל-רעזולטאט אין לאקאל 2, דארט וואו דער גרופען-קאמף איז געווען אם שטארקסטען, האט באוויזען, אז די מיטגלידער פון לאקאל ווילען ניט קיין גרופען-פאליטיק אין דער יוניאן. די גרויסע מאסע אפרייטארס האבען זיך אויסגעלאכט פון די גרופען-סלעיטס און האבען געוועהלט אזעלכע דעלעגאטען, וועלכע זיי האבען לויט זייער געוויסען און איבערצייגונג געפונען פאר פעהיג און ווירדיג צו פארטרעטען זייערע אינטערעסען.

די וואהלען האבען זיך אין ניו יארק

(שלוס אויף זייט 8)

וואשינגטאן טרייד יוניאן קאנפערענץ

געסטען איז אין וואשינגטאן ערעפענט געווארען די טרייד-יוניאן קאנפערענץ פון אלע יוניאנס, וואס באלאנגען צו דער א. פ. אוו ל.

די קאנפערענץ איז גערופען געווארען מיט'ן צוועק צו פארשאפען פינאנציעלע מיטלען פאר דער ארגאניזירונג פון די ארבייטער אין דער סאוטה.

עקטינג פרעזידענט ד. דובינסקי פארטרעט ביי אט דער קאנפערענץ די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

ערשטע אפיציעלע קאנפערענצען מיט דרעס אסאסיאיישאנס

פרעזידענט שלעזינגער לייגט פאר זיינע פלענער פאר'ן קאמף מיט'ן סוועטינג סיסטעם און שילדערט די טרויעריגע לאגע פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

מיטוואך אווענד האבען זיך אנגעפאנגען די ערשטע אפיציעלע קאנפערענצען צווישען דער ניו יארקער דרעסמאכער יוניאן און די דרעס אסאסיאיישאנס. די ערשטע קאנפערענץ מיט דער אינסייד דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן איז פארגעקומען מיטוואך אווענד אין האטעל גאווערנאר קלינטאן, און די אנדערע צוויי קאנפערענצען מיט די דרעס דזשאבערס און מיט די דרעס קאנטראקטארס אסס'ן זיינען פארגעקומען דאנערשטאג ביימאג און אין אווענד אין האטעל מעקאלפין.

אויף דער קאנפערענץ מיט די אינסייד דרעס מאנופעקטשורערס האט פרעזידענט שלעזינגער דער ערשטער אנטוויקעלט א בילד פון דעם איצטיגען צושטאנד אין דער דרעס אינדוסטריע און האט מיט גרויס טרייד-באקאנטשאפט אויפגעוויזען דעם כאאס, וואס עס הערשט איצט אין דער דרעס אינדוסטריע דורך דעם וואוקס פון דעם סוועט-שאפ סיסטעם. זיינע שילדערונגען וועגען דער טרויעריגער לאגע פון די ארבייטער אין דרעס-טרייד האבען געמאכט א טיפען איינדרוק. ער האט פארגעליינט א פלאן, אז אלע פאראינטערעסירטע צדדים אין דער דרעס אינדוסטריע זאלען מיט פאראייניגטע כוחות אויפנעהמען דעם קאמף געגען די סוועט-שעפער, אום צו באזייטיגען די דעמאראליזאציע אין דער אינדוסטריע, וואס וואקסט ארויס פון דעם סוועט-שאפ סיסטעם.

די פארטרעטער פון די מאנופעקטשורערס האבען איינגעזעהן די ריכטיגקייט פון שלעזינגער'ס באהויפטונגען, וויל זיי אליין זיינען בלויז פאראינטערעסירט צו באזייטיגען די קאנקורענץ פון דער סוועט-שאפ פראדוקציע, און זיי האבען ערקלערט זייער גרייטקייט ווייטער צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן, אום צו קומען צו א פארשטענדעניש.

נאכדעם ווי מען האט באשלאסען, אז א קאמיטע פון פינף פון יעדען צד זאל ערוועהלט ווערען צו פיהרען די ווייטערדיגע פארהאנדלונגען, איז די באראטונג געשלאסען געווארען.

באסטאנער קלאוקמאכער באשליסען זיך אנצושליסען אן דער יוניאן

מיטוואך, דעם 6טען נאוועמבער, איז אין וועלס מעמאריאל האל פארגעקומען א מאסען-מיטינג פון קלאוקמאכער, וואס באלאנגען נאך ניט צו דער אינטערנעשאנאל. דער מיטינג איז גערופען געווארען פון דער קאנפערענץ קאמיטע, וועלכע באשטעהט פון א גרופע קלאוקמאכער, וואס ווילען פאראייניגען אלע קלאוקמאכער אין דער אינטערנעשאנאל יוניאן.

מען שרייבט אונז פון באסטאן, אז דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט. עס האבען זיך אין מיטינג באטייליגט ארום 8 הונדערט פערזאן. נאך אן אויספיהרליכער דיסקוסיע איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע וואס פארלאנגט דאס ארייינטרעטען אין דער אינטערנעשאנאל, לויט פאלגענדע רעקאמענדאציעס:

1) אלע אלטע מיטגלידער, וואס ווילען זיך אנשליסען אן דער יוניאן, זאלען אנגענומען ווערען אלס אלטע מיטגלידער מיט אלע רעכט און פריווילעגיעס זיך צו באטייליגען אין די וואהלען און צו קענען לויפען פאר יעדען אמט.

2) נייע וואהלען זאלען שוין פארקומען אין אלע לאקאלס, ווי אויך פאר באצאהלטע באאמטע.

3) דער איינטריטס-געלד פאר דיזע מיטגלידער זאל זיין ביז צום ערשטען דעצעמבער ניט מעהר ווי $2.50. נאך דיזען דאטום זאל די „אינישיאיישאן פי" באטרעפען די נארמאלע פרייז פון יעדען לאקאל.

דער קאמף פון דער קליוולענדער יוניאן געגען די סוועט שעפער

דער קאמף, וואס די קליוולענדער יוניאן פיהרט זייט דעם אנפאנג פון איהר ארגאניזאציאנס-דרייוו געגען די סוועט-שעפער אין קליוולאנד, רודערט אויף די גאנצע קליוולענדער באפעלקערונג.

דער „פליין דיעלער" אין קליוולאנד פון 11טען נאוועמבער שרייבט אין צוזאמענהאנג מיט'ן יוניאן קאמף געגען דעם סוועט-שאפ סיסטעם א לאנגען ארטיקעל, אין וועלכען ער שילדערט דעם צושטאנד פון די סוועט-שעפער אין קליוולאנד.

„די אלטע סוועט-שעפער מיט זייער שמוץ און מאנגעל אין לופט — זאגט זיך דארט — עקזיסטירען נאך היינט-צו-טאג אין קליוולאנד, לויט א רעפארט אפגעגעבען צו דער קאנסומערס ליגע פון אהייא סטייט דורך מיס עליזאבעטה מאג, די עקזעקוטיוו סעקרעטארין פון דער ליגע. „לויט מיס מאג'ס אונטערזוכונגען, געפינען זיך אין קליוולאנד דריי טיפען שעפער. שעפער מיט סטארם צושטענד. שעפער, וואס געפינען זיך אין באזונדערע בילדינגס, וועלכע געפינען זיך אין רעזידענשעל דיסטריקטס; און אזעלכע שעפער, וואס געפינען זיך אין די פלארס פון די בילדינגס אין דעם דאון-טאון סעקשאן.

„די ערגסטע סוועט-שעפער זיינען, לויט איהר מיינונג, די שעפער אין די סטאר-רומס. אין דיזע שעפער הערשען סקעב-באדינגונגען, און די וויידזשעס, ווי אויך די ארבייטס-צייט, זיינען פיעל ערגער ווי די יוניאן באדינגונגען."

די יוניאן זעצט פאר איהרע סטרייק פארבארייטונגען און איז אנטשלאסען געגען דיזע סוועט-שעפער צו פיהרען אן ענערגישען קאמף.

טשילדרענס דרעס מאכער ארגאניזאציאנס קאמפיין צווינגט ניט-יוניאן שעפער צו סעטלען מיט דער יוניאן

צוזאמען מיט דער דרעסמאכער יוניאן פיהרט אויך די טשילדרען דרעסמאכער יוניאן א ענערגישען ארגאניזאציאנס קאמפיין אין דער אינדוסטריע און מאכט איהרע סטרייק פארבארייטונגען געגען דער גרויסער צאהל סוועט שעפער אין טרייד.

די ארגאניזאציאנס קאמיטע האט לעצטע וואך ארויסגענומען פיעלע שעפער אין סטרייק. וויס-פרעזידענט הערי גרינבערג, דער מענעדזשער פון דער יוניאן, לאזט אונז וויסען, אז 4 באלעבאטים, וואס באשעפטיגען 75 באלמעלאכעס, האבען שוין געסעטעלט מיט דער יוניאן, און אז די אנדערע שעפער וועלען אויך געצוואונגען ווערען צו באשעפטיגען יוניאן באלמעלאכעס.

מארגען, שבת — וואהלען אין לאקאל 10

מארגען, שבת, דעם 16טען נאוועמבער, וועלען פארקומען די וואהלען פאר קאנווענשאן דעלעגאטען פון קאטערס לאקאל 10. די וואהלען וועלען פארקומען אין ארלינגטאן האל, פון 12 ביז 6 אזייגער אין אווענט.

פרעזידענט שלעזינגער'ס יוניאן פלענער

(שלוס פון זייט 1).

קאל 9 איז געקומען באקלאגען זיך, אז די עקזעקוטיווע פון לאקאל 9 האט געענדערט דעם רעזולטאט פון די עלעקשאנס, וואס א מעמבער-מיטינג האט געהאט אנגענומען. די באארד האט אנערקענט די גערעכטיגקייט פון זייער טענה און געפסק'נט, אז די וואהלען זאלען פארקומען אין'ם טאג וואס דער מעמבערשיפ-מיטינג האט באשלאסען.

א באגייסטערטער מאמענט אויף די זיצונגען פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז געווען ווען א קאמיטע פון דער טאקערס און פליטערס יוניאן לאקאל 41, וואס האט ניט לאנג צוריק דורכגעפיהרט אן ערפאלגרייכען און ווינריכען סטרייק, איז געקומען באדאנקען דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פאר דער שטיצע און מיטהילף, וואס די אינטערנעשאנאל האט זיי געגעבען צו העלפען געווינען דעם סטרייק.

די קאמיטע פון דער טאקערס יוניאן איז באשטאנען פון ס. קרעפין, טשערמאן פון לאקאל; ס. בראון, י. קרויס, מיס מארשיין, מיס בראון, ס. רימשמאן, מ. לעווין און ד. קרינקשטיין.

קרעפין האט אין נאמען פון דער קאמיטע און אין נאמען פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט באדאנקט דער דזשענ. עקזעקוטיווע און האט אנגעוויזען אויף דער גרויסער אויפלעבונג, וואס עס קומט איצט פאר אין זייער יוניאן א דאנק דעם געוואונענעם סטרייק.

ערשטער וויס-פרעזידענט ניינפא, וועלכער איז דאן געווען דער טשערמאן פון דער זיצונג, האט אין נאמען פון דער גאנצער דזשענ. עקזעקוטיווע באדאנקט דער קאמיטע און פארשפראכען דער טאקערס יוניאן אלע מעגליכע שטיצע אויך אין דער צוקונפט.

ווייטערע באריכטען.

ברודער קוירזשנער, פון טאראנטא, האט באריכטעט, אז די טאראנטא'ר יוניאן האט שוין געמאכט אלע פארברייטונגען פאר א דזשענעראל סטרייק פון די 1,800 דארטיגע קלאוקמאכער. בר. קוירזשנער האט אויך באריכטעט וועגען א לאקאל פון דרעס-מאכער אין טאראנטא, וואס ווערט איצט ארגאניזירט. ער האט דערביי דערצעהלט דעם פאלגענדען אינטערעסאנטען פאקט: די קאמוניסטען האבען געטרייט גרינדען א דרעסמאכער לאקאל פון זייער סקעב איידזשענסי. די דרעס מאכער ווילען אבער פון זיי ניט וויסען און איבער הונדערט דרעס-מאכער זיינען געקומען צו דער דזשענעראל באארד מיט א פארלאנג מען זאל זיי ארויסגעבען א טשארטער פאר א דרעס-לאקאל. קוירזשנער האט פארלאנגט פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, אז אזא טשארטער זאל ארויסגעגעבען ווערען צו די טאראנטא'ר דרעסמאכער.

בר. קוירזשנער האט דאן באריכטעט וועגען ברודער רובינסקי'ס ערפאלגרייכען יוניאן-טור און וועגען דעם גוטען איינדרוק וואס ער האט איבערגעלאזען אין מאנטרעאל, וואו עס איז אין משך פון א קורצער צייט געלונגען צו ארגאניזירען א לאקאל וואס האט שוין ארום 500 מיטגלידער.

פילאדעלפיא

א זעהר אינטערעסאנטען באריכט וועגען דעם קאמף, וואס די יוניאן אין פילאדעלפיא האט צו פיהרען מיט די קאמוניסטען, האט אפגעגעבען בר. רייזבערג. ער האט אנגעוויזען וואס פאר א ביטערען קאמף דער יוניאן קומט איצט אנצופיהרען פאר יעדען שאפ. די קאמוניסטען, — האט רייזבערג אנגעוויזען, — האבען צו זייער דינסט פראפעסיאנעלע גאנגסטערס, פאליטישענס און דרעס באלעבאטים. ער האט אנגעוויזען אויף א געוויסען פאקט, וואו א דרעס באלעבאס האט געשיקט זיינע ארבייטער אין דער קאמוניסטישער סקעב-אפאזיציע. ער האט זיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף דעם ביטערען סטרייק, וואס די יוניאן האט אנגעפיהרט געגען דער דרעס-פירמע טשארלס רעב, וואו די קאמוניסטישע גארילאס האבען געשאסען א יוניאן מעמבער און א פאליסמאן, אבער די הילף פון די גענגסטערס, פאליטישענס און באלעבאטים העלפט ניט די קאמוניסטען. זיי זיינען איצט פאלשטענדיג געשלאגען און אפגעווישט אין פילאדעלפיא. זיי האבען פארלארען אלע שעפער וואס זיי האבען קאנטראלירט און די שעפער זיינען איצט יוניאן-שעפער.

די ניו יארקער דרעס-מאכער יוניאן.

פאר דער ניו יארקער דרעס מאכער יוניאן האבען באריכטעט די וויס-פרעזידענטען האכמאן און אנטאניני.

לויט ווי האכמאן האט באריכטעט איז דער ארגאניזאציאנס-קאמפיין א גרויסער ערפאלג. זינט דער קאמפיין האט זיך אנגעהויבען, האט די יוניאן צוגעקראגען 165 נייע שעפער, וואס זיינען ביז איצט געווען ניט קיין יוניאן-שעפער און 4,000 נייע מעמבערס. אויך איז דער קאמפיין צווישען די נעגערשע דרעס-ארבייטער א גרויסער ערפאלג.

האכמאן האט ווייטער באריכטעט, אז א גרויסע ארגאניזאציאנס-קאמיטע פון רענק און פאיל מעמבערס איז אויפגעבויט געווארען, וואס טוט גלענצענדע ארבייט און אז די יוניאן קריגט מאסען בריוו פון ארבייטער פון אפען-שעפער אין וועלכע זיי ערקלערען, אז זיי זיינען ווילינג און גרייט זיך אנצושליסען אן דער יוניאן.

האכמאן האט אויך באריכטעט וועגען די פארברייטונגס-פלענער פון דער יוניאן פאר דעם קומענדען דזשענעראל סטרייק.

דער באריכט איז פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אויפגענומען געווארען מיט באגייסטערונג און מיט דאנק.

נאכדעם ווי דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען צו אינדארסירען א גענעראל סטרייק אין דער טאראנטא'ער קלאוק-אינדוסטריע און אין דער טשילדרען דרעס אינדוסטריע אין ניו יארק און צו העלפען דעם דרעס ארגאניזאציאנס קאמפיין אין שיקאגא, — איז דער לעצטער מיטינג פון דזשענ. עקז. באארד געשלאסען געווארען מיט דעם געפיהל און באוואוסטזיין, אז די באארד האט אין משך פון זיין טעטיגקייט געהאט צו ערפילען גרויסע היסטארישע אויפגאבען פאר דער יוניאן און אז זי האט געטאן דאס בעסטע זיי צו ערפילען. צי די באארד האט איהר פליכט ריכטיג ערפילט, — דערויף וועט די קליוולענדער קאנווענשאן דארפען ענטפערן.

יוניאן קאנפערענצן מיט דרעס אסס'ן

די קאנפערענצן צווישען דער דרעס מאכער יוניאן און די דרעס מאנופעקטשורערס, וואס האבען געמוזט פארלייגט ווערען צוליב ברודער שלעזינגער'ס קראנקהייט, וועלען פארקומען קומענדע וואך. די קאנפערענצען זיינען ארגאניזירט געווארען פון וויס-פרעזידענט דזשוליוס האכמאן, דעם אויפזעהער איבער דעם ניו יארקער דרעס דעפארטמענט. די באראטונגען וועלען פארקומען מיט אלע דרעס אסאסיאיישאנס. דער געגענשטאנד פון די באראטונגען איז די באנייאונג פון אגרימענט וואס גייט אויס קומענדען חודש. אויף דער קאנפערענץ וועט דער קאמף פון דער יוניאן מיט די סוועט שעפער געוויס האבען אן אנקלאנג.

לויט די אינפארמאציעס וואס מיר האבען באקומען פון דזשענעראל מענעדזשער נאגלער, פיהלט זיך פרעזידענט שלעזינגער שוין א סך בעסער און ער וועט זיך געוויס באטייליגען אין די קאנפערענצען. א חוץ שלעזינגער וועלען זיך באטייליגען עקטינג פרעזידענט ד. דובינסקי, דזשענעראל מענעדזשער א. נאגלער, סעקרעטער-טרעזשורער הערי וואנדער, וויס-פרעזידענט דזשוליוס האכמאן, וויס-פרעזידענט ברעסלאוו, מאקס סטאלער, דער טשערמאן פון דער דזשאינט באארד, ברודער פריהלינג פון לאקאל 10 און מענעדזשער ספילמאן פון לאקאל 22.

קאנווענשאן וואהלען אין ניו יארקער לאקאל יוניאנס

אין משך פון דער קומענדער וואך וועלען אין פילע ניו יארקער לאקאלען פארקומען וואהלען פאר דעלעגאטען צו דער קליוולענדער קאנווענשאן פון דער א. ל. ג. וו. י.

די ערפאלגרייכע נאמינישאן מיטינגען זיינען א באווייז אז די מיטגלידערשאפט אינטערעסירט זיך זעהר אינטענסיוו מיט די קאנווענשאן וואהלען און אז זי לייגט גרויסע האפנונגען אויף די באראטונגען אין קליוולענד פון וועלכע זי ערווארט פילע יוניאן רעפארמען און א זיכערע ארגאניזאציאנעלע באפעסטיגונג פון אונזער יוניאן איבער'ן גאנצען לאנד און אין אלע אינדוסטריעלע ברענטשעס.

דזשענעראל מענעדזשער איזידאר נאגלער, וועלכער שטעהט אין שטענדיגען קאנטאקט מיט אלע דזשאינט באארד לאקאלען און קען גוט די שטימונג פון די יוניאן מעמבערס האט פאר'ן פארטרעטער פון דער „גערעכטיגקייט" ארויסגעזאגט די מיינונג אז די וואהל באטייליגונג פאר קאנווענשאן דעלעגאטען וועט דעם מאל זיין זעהר גרויס.

די וואהלען פאר קאנווענשאן דעלעגאטען וועלען פארקומען ווי פאלגט:

שבת, דעם 9טען נאוועמבער, — פון לאקאל 17, אין זייער אייגענעם יוניאן אפיס.

מאנטאג, דעם 11טען נאוועמבער דעם גאנצען טאג, — פון לאקאל 35, אין ברייענט האל, 6טע עוועניו, צווישען דער 41טער און 42טער סטריט.

דינסטאג, דעם 12טען נאוועמבער, — פון לאקאל 2, אין ברייענט האל, אין דזשאינט באארד אפיס, אין אפיס פון דער יוניאן, אין האן מאונער אפיס און אין בראנזוויל ליבאר לייסאום.

דעם זעלבען טאג, דינסטאג, דעם 12טען נאוועמבער, וועלען אויך פארקומען קאנווענשאן וואהלען פון לאקאל 9, אין ברייענט האל, אין סטייוועסאנט קאסינא, און אין אפיס פון דער דזשאינט באארד.

דאנערשטאג, דעם 14טען נאוועמבער וועלען פארקומען די וואהלען פון לאקאל 22, דרעסמאכער יוניאן, אין אפיס פון דער דזשאינט באארד.

ברידער און שוועסטער, באטייליגט אייך אין די וואהלען און ערוועהלט די בעסטע פארטרעטער פון אייער לאקאל אלס דעלעגאטען צו דער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן אין קליוולאנד.

אן איבערבליק וועגען דער קלאוקמאכער סיטואציע אין מאנטרעאל

פון ס. סענדעראוויטש

(ביזנעס אגענט פון קלאוקמאכער יוניאן)

עס איז ערשט פינף אדער זעקס וואכען זינט עס איז געלייגט געווארען דער פונדאמענט פאר דער ווידעראויפבויאונג פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין מאנטרעאל.

די צייט אין וועלכער מיר האבען אנגעהויבען אונזער ארבייט איז ניט געווען גינסטיג פאר ארגאניזאציאנס צוועקען. דער סעזאן איז געווען זייער א שלעכטער, און אין פילע שעפער האבען די אפרייטארס ניט געהאט דורכ'ן סעזאן קיין איין פולע וואך ארבייט. די ארבייטער זיינען געווען דעמאראליזירט, נידערגעשלאגען, און פילע פון זיי האבען פשוט ניט געהאט די מעגליכקייט איינצוצאהלען זייער איינטריטס געלט. און צו דער זעלבער צייט האבען זיך ארומגעדרייט עטליכע דעמאגאגען וועלכע האלטען זיך פאר „לינקע" און צוריקגעהאלטען איינינע ארבייטער פון אנשליסען זיך אן דער יוניאן.

און וואס זעהען מיר איצט, מיט פינף אדער זעקס וואכען נאכדעם ווי מיר האבען זיך גענומען צו רעארגאניזירען די קלאוקמאכער יוניאן?

אונזער יוניאן ציילט איצט 500 מיטגלידער (90 פראצענט פון זיי זיינען מענער). מיר קאנטראלירען א גרויסע צאהל שעפער הונדערט פראצענט. מיר האבען אנגעהאלטען שאפ מיטינגען מיט א 75 פראצענט שעפער פון טרייד. מיר האבען אונזערע מיטגלידער אין יעדען קלאוקס שאפ פון שטאדט. דאס זיינען די אומאפיציעלע ארגאנייזערס פון אונזער יוניאן וועלכע טוען וואונדערבארע ארגאניזאציאנס ארבייט פאר דער יוניאן. נייע מעמבערס שליסען זיך אן יעדען טאג אן דער יוניאן, און דער גרעסטער טייל פון די, וועלכע זיינען פריהער געשטאנען אן דער שפיץ פון דער „לינקער" יוניאן, געפינען זיך איצט מיט אונז, און נוצען אויס זייער פעהיגקייטען צו העלפען אונז ארגאניזירען דעם טרייד. עס וועט זיכער לאנג ניט נעמען, ביז די עטליכע געציילטע קלאוקמאכער וועלכע האלטען זיך פאר לינקע, וועלען איינזעהן זייער טעות און זיך שטעלען אין די ריהען פון די קלאוקמאכער און וועלען זיך באמיהען צו פארריכטען דאס, וואס זיי האבען ביז איצט געשטערט.

דער סעזאן איז שוין באלד געענדיגט. אין איינינע שעפער נעהמט מען שוין סאמפעלס פאר דעם ספרינג סעזאן. אבער דאס וואס דער סעזאן איז געענדיגט וועט די קלאוקמאכער געבען א מעגליכקייט צו פארשטארקען זייער יוניאן. זיי וועלען אויסנוצען די צייט דאס זיי ארבייטען ניט אין די אינטערעסען פון אונזער קאמפיין — דער קאמפיין צו פארשטארקען און פארגרעסערען אונזער מיטגלידערשאפט, מיר זאלען פאר דעם נייעם סעזאן זיין גוט ארגאניזירט און פאראייניגט און צוגעגרייט צו פארבעסערען די באדינגונגען אין די שעפער; צו קריגען די פולע אנערקענונג פון אונזער יוניאן; זיין גרייט צום קאמף אויב נויטיג. די איצטיגע באדינגונגען אין די שעפער מוזען אפגעשאפט ווערען, וויל זיי זיינען אומערטרעגליך. אלע קלאוקמאכער האבען שוין גוט דערפילט, און זיינען גרייט צו קעמפען געגען זיי.

מיר זיינען דורכגעדרונגען מיט דער האפנונג, אז ביים קומענדען סעזאן וועלען די מאנטרעאלער קלאוקמאכער צוריק האבען זייער אמאליגע שטארקע, מעכטיגע יוניאן.

טשילדרענס דרעס סטרייק

(שלוס פון זייט 1).

„טויטישאן"-סקוהל, ארבייטען די פולע צייט פאר 14 דאלאר א וואך. פרויען צווישען 45 און 60 יאהר פארדינען ניט מעהר ווי צווישען 14 און 20 דאלאר א וואך.

אין געגענזאץ צו די שענדליכע סוועט שאפ באדינגונגען, האט מענעדזשער גרינבערג באשילדערט די באדינגונגען אין די יוניאן-שעפער, וואו די ארבייטער פארדינען צווישען 25 און 35 דאלאר א וואך און ארבייטען ניט מעהר ווי 42 שעה.

לויט די אינפארמאציע, וואס מיר האבען, דארף דיזע טעג פארקומען א קאנפערענץ פון די באלעבאטים פון די בעסערע שעפער מיט'ן צוועק צו גרינדען א מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, וואס זאל קענען קאלעקטיוו פארהאנדלען מיט דער אינטערנעשאנאל און וועלכע איז אויך פאראינטערעסירט צו העלפען דער יוניאן אין קאמף מיט די סוועט-שעפער, וואס זיינען ניט בלויז א געפאהר פאר די ארבייטער נאר זיינען אויך דורך זייער קאנקורענץ אן אומגליק פאר דער גאנצער אינדוסטריע.

אלע סטרייק-פארברייטונגען זיינען אין פולען גאנג.

מיטינג פון ניו יארקער קלאוק, דרעס און ריפער מאכער דזשאינט באארד

א רעגעלער מיטינג פון דזשאינט באארד, קלאוק, סקירט, דרעס און ריפער מאכער יוניאן, לאקאלען 2, 3, 9, 10, 17, 21, 22, 23, 35, 48, 64, 82 און 89 א. ל. ג. וו. י. איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך אווענד נאוועמבער דעם 6טען, 1929, אין דעם אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 16טע סטריט.

טשערמאן — בר. מ. סטאלער.

דער דזש. באארד פראטאקאל פון דעם 30טען אקטאבער ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

דער באארד או דירעקטארס גיט אפ פאלגענדען באריכט:

א רעגעלער מיטינג פון באארד או דירעקטארס איז אפגעהאלטען געווארען מאנטאג אווענד, נאוועמבער דעם 4טען, 1929, אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 16טע סטריט.

טשערמאן — בר. ס. לעפקאוויטש.

קאמיטעס.

בר. משה סטופניקער, אן אלטער מעמבער פון לאקאל 35, וועלכער איז געווען אן אנגעשטעלטער אין דזשאינט באארד א לאנגע צייט, ערשיינט און פארלאנגט פינאנציעלע שטיצע. ער ערקלערט, אז ער איז קראנק א לענגערע צייט און ער האט א מעגליכקייט זיך אויסצוקורירען, ווען ער זאל האבען די נויטיגע פינאנציעלע מיטלען.

דיזער פארלאנג ווערט איבערגעוויזען צו דער פינאנץ קאמיטע.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון בענדזשאמין פארדי ערשיינט און ערקלערט, אז די גריוועגס קאמיטע האט באשלאסען ארונטערצונעהמען דעם גאנצען סעט ארבייטער פון דיזען שאפ אויף דער באשולדיגונג, אז זיי ארבייטען פון שטיק. די קאמיטע ערקלערט, אז די באשולדיגונג איז א פאלשע, אבער זיי רעספעקטירען דעם באשלוס פון דער גריוועגס קאמיטע און זיי זיינען בארייט איהם אויסצופאלגען. זיי פארלאנגען בלויז די ערלויבעניש אפצוארבייטען דיזע און נעקסטע וואך, ווייל דער סיזאן האלט ביי ענדיגען זיך, און זיי האבען קיינע אויסזיכטען צו קריגען אנדערע דזשאבס בעפאר דעם קומענדען סיזאן.

נאך א קורצער בעראטונג ווערט דער פארלאנג באוויליגט.

מענעדזשערס' באריכטען.

בר. רעססי, מענעדזשער פון דאון־טאון אפיס, באריכטעט, אז אין פארלויף פון די לעצטע דריי וואכען, ענדיגענדיג דעם 2טען נאוועמבער, האט זיין אפיס ערלעדיגט 56 קאמפליינטס און 138 שאפ קאנטראלס.

בר. רעססי'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

בר. מאריקאנדא, מענעדזשער פון הארלעם אפיס, גיט אפ א באריכט פון דעם 3טען סעפטעמבער ביז דעם 2טען נאוועמבער.

בעפאר דעם 3טען סעפטעמבער האט דער הארלעם דיסטריקט פארמאגט 9 יוניאן שעפער. זייט דאן איז איהם געלונגען צו ארגאניזירען נאך 5 שעפער, וואס דאס מאכט א סך־הכל פון 14 שעפער. אין דיזע שעפער ווערען באשעפטיגט 237 ארבייטער, פון וועלכע 130 זיינען איטאליענער און 107 אידען.

דיזע שעפער זיינען גוט ארגאניזירט. אלע ארבייטער זיינען גוטשטעהענדע מעמבערס. די מאיאריטעט האט איינגעצאהלט דעם טעקס פון א טאג ווירדשעס און דעם ספעשעל סטרייק טעקס פון 10 דאלאר. זיי האבען אויך ביינגעשטייערט א באדייטענדע סומע פאר די פאלעסטינא קרבנות.

בר. מאריקאנדא באריכטעט אויך, אז פאר דעם 3טען סעפטעמבער האט דער הארלעם דיסטריקט פארמאגט 17 ניט־יוניאן שעפער. זייט דאן האבען 5 שעפער ארויסגעמופט און 8 ניט־יוניאן שעפער האבען זיך אפגעשטעלט. ער ערקלערט אויך, אז פילע נייע שעפער ווערען געעפענט אין יענעם דיסטריקט און ער וועט אין קורצען צושטעלען א פאלקאמענעם ליסט פון אלע דיזע שעפער.

בר. מאריקאנדא'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

בר. פערלמוטער, מענעדזשער פון אינדאסטריעל קאונסיל דעפארטמענט, גיט אפ א באריכט פון זינט דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען ביז דעם 10טען אקטאבער. דער באריכט איז זעהר א לאנגער און קען דארום ניט איינגעשלאסען ווערען אין דעם פראטאקאל. עס ווערט דארום באשלאסען, אז א קאפיע פון דיזען באריכט זאל צוגעשיקט ווערען צו יעדען לאקאל באזונדער.

בר. פערלמוטער גיט צו צו זיין באריכט, אז דער קאנטראל אין די אינדאסטריעל קאונסיל שעפער איז שוין געענדיגט און ער האלט יעצט אין צונויפשטעלען א אויספירליכען באריכט וועגען דעם. לויט זיין מיינונג, האט דיזער קאנטראל געבראכט זעהר וויכטיגע רעזולטאטען און האט באדייטענד סטימולירט די קאלעקשאן פון דיוס און אסעסמענטס.

דאס זעלבע באריכטעט ער וועגען די אונטערזוכונגען פון די פירמעס' ביכער, וועלכע ווערען אנגעפיהרט פון דעם אומפארטייאישען טשערמאנ'ס אפיס. דיזע אונטערזוכונגען האבען געהאט א וואונדערבארע ווירקונג אויף דער אינדוסטריע און די מעמבערס פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל האבען אנגעפאנגען באגרייפען, אז זיי מוזען נעהמען ערנסטער זייער פארפליכטונג אין באצוג צו ניט־יוניאן פראדוקציאן.

נאך א גרינדליכער בעראטונג ווערט בר. פערלמוטער'ס באריכט גוטגעהייסען.

גענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

בר. נאגלער באריכטעט, אז דער אומפארטייאישער טשערמאן האט געארדערט א נייע אונטערזוכונג פון די ביכער פון די פירמעס, וועלכע זיינען שוין איינמאל אונטערזוכט געווארען, אום אויסצוגעפינען אויב זיי האנדלען נאך אלץ מיט ניט־יוניאן שעפער. די ערשטע אונטערזוכונג האט געבראכט זעהר גוטע רעזולטאטען און א דאנק דעם איז די ניט־יוניאן פראדוקציע ביז א געוויסען גראד אפגעשטעלט געווארען. דאס ערשטע מאל זיינען די פירמעס, וואס זיינען געפונען געווארען שולדיג אין שיקען ארבייט צו ניט־יוניאן שעפער, באשטראפט געווארען אלס א ווארנונג, אז זיי זאלען דאס מעהר ניט טאן. אין פאל עס זאל זיך ארויסווייזען, אז זיי טוען דאס זעלבע נאכאמאל, וועט זייער שטראף זיין א פיל גרעסערע.

בר. נאגלער באריכטעט ווייטער, אז דער טעקס פון איין טאג וויידזשעס האט ביז איצט אריינגעבראכט א סומע פון 177 טויזענד דאלאר. דאס איז, לויט זיין מיינונג, אונזער גרעסטער אויפטו פון דיזען סיזאן, און דער קרעדיט דערפאר קומט צו אונזער גאנצען סטאף.

בר. נאגלער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

דעלעגאט פיינבערג מאכט אן אנפרעגע, אויב דער סעקרעטאר־טרעזשורער האט שוין צוגעגרייט א פינאנץ באריכט פון דעם גענעראל סטרייק. בר. וואנדער ענטפערט דערויף, אז אזא באריכט איז צוגעגרייט געווארען און אזוי שנעל ווי דער אינטערנעשאנאל אדיטאר און די פינאנץ קאמיטע וועלען עס אונטערזוכען, וועט ער צושטעלען דעם באריכט צום באארד או דירעקטארס.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

העררי וואנדער,
סעקרעטער־טרעזשורער.

נאך א גרינדליכער בעראטונג ווערט דער באריכט פון באארד או דירעקטארס גוטגעהייסען.

די קלאוק און דרעס פרעסערס אין זייער נייער יוניאן היים

די ערעפענונג ווערט געפייערט מיט באגייסטערטע רעדעס אין דעם שעהנעם נייעם יוניאן אפיס, וואס איז געווען באצירט מיט צענדליגער קרענץ, פאלמען און בלומען בוקעטען.

פון א סטעף רעפארטער.

לעצטען שבת האבען אויף א שעהנעם אופן די ניו יארקער קלאוק און דרעס פרעסערס געפייערט זייער חנוכת הבית פון די נייע יוניאן העדקוואטערס אין 60 וועסט 35טע סטריט.

פון צעהן אזייגער אין דער פריה ביז שפעט נאכמיטאג האבען טויזענדער קלאוק און דרעס־פרעסער באזוכט און גלייכצייטיג באוואונדערט זייער נייע יוניאן היים, וואס איז איינגעפיקסט געווארען צו זייער באקוועמליכקייט אויף אזא שעהנעם אופן און מיט אזוי פיל פארשטענדניש און אינטעליגענץ. דער נייער אפיס פארנעהמט א גאנצען פלאר פון א שעהנער און מאדערנער בילדינג אין סאמע הארץ פון דער קלאוק אינדוסטריע.

גלייך ווי די יוניאן מיטגלידער עפענען די טיר, באגעגענט זיי א ליבליכער און היימיש איינגעארדענטער, גרויסער און באקוועמער ווארט־האל. פון די זייטען געפינען זיך די פארשיידענע יוניאן אפיסעס און מיטינג האלס. דעם אויבען־אן פארנעהמען די שעהנע און באקוועמע רומס פאר שאפ־מיטינגען. דאן קומט די קאמפליינט־רום מיט א גרויסער און הויפטזעכליך מיט א שטענדיג אפענער ווינדאו, צו וועלכער די קלאוק און דרעס פרעסער זיינען אלעמאל געוואוינט צו קומען און דארט אויסגיסען זייער צער און ביטער הארץ.

זיי האבען א שעהנעם, מאדערן איינגעפיקסטען פינאנץ־דעפארטמענט מיט פינף דיוס־ווינדאוס, כדי די מיטגלידער זאלען ניט דארפען צו פארלירען אומזיסט צייט. א שעהנעם מענעדזשער־אפיס און אן אפיס פאר דער רעליעף אפטיילונג פון דער יוניאן. א באזונדערע אויפמערקזאמקייט פארדינט די קאונסיל רום, וועלכער האט לעצטען שבת באזונדערס שעהן אויסגעזעהן, צוליב די שעהנע בלומען, וועלכע האבען אויפ'ן שעהנסטען אופן אויסגעדריקט די פרייד און צופרידענהייט פון דער מעמבערשיפ מיט זייער נייער יוניאן היים און מיט זייער אלטער שטאלצער פרעסערס יוניאן.

א חוץ די טויזענדער מיטגלידער זיינען צו דער אפיציעלער יוניאן ערעפענונג געקומען פילע געסט פון אנדערע לאקאל יוניאנס און דעלעגאטען פון דער אינטערנעשאנאל, פון דער דזשאינט באארד און א ספעציעלע קאמיטע פון פינף איז געקומען פון באסטאנער פרעסערס לאקאל פון דער אינטערנעשאנאל.

באגריסונגס רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון עקטינג פרעזידענט ד. דובינסקי, פון דזשענעראל מענעדזשער איזידאר נאגלער, פון טשערמאן פון דער דזשאינט באארד מאקס סטאלער, פון סעקרעטער־טרעזשורער העררי וואנדער, פון וויים־פרעזידענט טאבי גרינבערג און פון מ. טאקמאן, פון באסטאן. פרעזידענט ב. שלעזינגער, וועלכער געפינט זיך אין די מאונטענס צוליב זיין קראנקהייט, האט צוגעשיקט א טעלעגראמע צו דער ערעפענונג פון דער נייער פרעסערס היים.

דער טשערמאן פון חנוכת הבית איז געווען מאקס קאהען, טשערמאן פון לאקאל 35, וועלכער האט אויסגעדריקט דעם באדויערען פון גאנצען לאקאל, וואס דזש. ברעסלאוו, דער מענעדזשער פון לאקאל 35, קאן ניט זיין ביי דעם שעהנעם אפיציעלען יוניאן יום־טוב צוליב דער פלוצלונגער קראנקהייט פון מרס. ברעסלאוו.

און דאס איז באמת געווען א גרויסער פארדרוס. האט דאך שוין עקטינג פרעזידענט ד. דובינסקי אין זיין הערציגער שעהנער באגריסונגס־רעדע דערמאנט וואס פאר א גרויסען חלק עס האט דער ערפאלגרייכער מענעדזשער פון דער פרעסערס יוניאן אין דער ווידער־אויפלעבונג פון דער שטאלצער קלאוק און דרעסמאכער אינטערנעשאנאל און אין דער מעגליכקייט, אז די פרעסערס זאלען קענען פייערען דעם חנוכת הבית פון אזא שעהנער, גרויסער און רייך איינגעארדענטער יוניאן היים. און איצט, ווען אלעס איז יום־טוב'דיג מיט בלומען און פאלמען באצירט און ווען די פרעסערס קומען מיט צופרידענהייט באוואונדערען די נייע יוניאן היים, איז ברעסלאוו ניט דא, ווייל א וויכטיגע פאמיליען פליכט האט איהם גערופען צו דעם קראנקענבעט פון זיין לעבענס־חבר.

יעדער, וואס איז אבער געווען ביי דער שמחה און באקוקט דעם שעהנעם יוניאן אפיס, האט געזעהן ברעסלאוו'ס ארבייט, געשפירט זיין מיה און אנשטרענגונג, וואס ער האט אוועקגעלייגט פאר דער מעגליכקייט צו האבען אזא שעהנע יוניאן היים.

בלומען זיינען ערהאלטען געווארען פון די פאלגענדע שעפער און ארגאניזציעס:

פריד בראדערס, וויטענבערג און שענבערג, ראזענפעלד און סאן, ל. צימערמאן, סעם וואלאווסקי, סעם שעצמאן, הירש, בערנשטיין און שטערענבערג, שפירא און סאן, נאטהאם גירל קאמפאני, א. וואן דרעס קאמפאני, ל. ם. ראפין, מארגאליס און שטיין, ס. גלעצאן, פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, פון די ביזנעס אייגענטס פון לאקאל 35, פון לאקאל 17, לאקאל 23, לאקאל 9, 21, 10, 22, 82, 2, 66, פון אפיס סטעף פון דער דזשאינט באארד און פון די ביזנעס אייגענטס פון דער דזשאינט באארד. א שעהנער בוקעט בלומען איז אויך ערהאלטען געווארען פון פרעסערס לאקאל 12 אין באסטאן.

מיליאנען מענשען
פארמיידען קראנקהייט פון זייערע היזער דורך דעם צייטיגען געברויך פון
עקס-לאקס
דער בארימטער מאגען רעגולירער
אויב איהר זייט נים איינער פון יענע מיליאנען, קענט איהר לייכט אויסגעפינען פון די, וועלכע ברויכען עקס-לאקס, וואס עקס-לאקס באדייט. איהר דארפט זיי לאנג נים זוכען, איהר קענט זיי געפינען אויף יעדער שריט און טריט. אויפ'ן גאס, אין שאפ, אין סקול, אין טעאטער, אדער וואו איהר וועט זיך נאר קעהרען און ווענדען קענט איהר געפינען עקס-לאקס געברויכער, וואס וועלען אייך דערצעהלען וואס פאר א וואונדערבארער מיטעל עקס-לאקס איז פאר'ן מאגען.
אלע פראגרעסיווע דראגיסטען פארקויפען עקס-לאקס
אין 10, 25 און 50 סענט באקסעס.

עס איז איצט טייער הייליגער חוב פון צוהיטען די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער, וואס זיינען איינגעקעסטעלט געווארען דורכ'ן גענעראל סטרייק: קיין שבת ארבייט! קיין שטיק ארבייט! נים א מינוט מעהר ווי 40 שעה ארבייט אין א וואך!

אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

פון דזש. העלער
מענעדזשער לאקאל 17

דער רעזולטאט פון די וואהלען.

ענדליך איז אונזער לאקאל איבערגעקומען דעם גרויסען „קריזיס" פון וואהלען צו דעלעגאטען צום קאנווענשאן. דער גרויסער קאמפיין איז שוין פאריבער. די אלע קאמפיין „אישוס" זיינען שוין פארגעסען און ווייטער וועט לאקאל 17 קענען אנגעהן מיט רוטינער ארבייט. די ברידער ארשאוויטץ, בעלסאן, לעווענטאל, סטיינקעוויטש און העלער האבען געקראגען דעם גרויסען געווינס און זיינען דערפאר די געזעצליך ערוועהלטע פארטרעטער צו דער קומענדער קאנווענשאן.

נאר עס רעדט זיך אזוי קאמפיין. מיר האבען אין דער אמת'ן קיין עלעקשאן קאמפיין נים געהאט. אין לאקאל 17 ווייסט מען פון אזעלכע זאכען נים. אונזערע מיטגלידער האבען בלויז געהאט איין מיינונגס־פארשידענהייט אין דער פראגע פון די ערשט פארענדיגטע וואהלען. מאנכע האבען געדענקט אז עס וואלט געווען ראטזאם צו שיקען די ערשטע פינף פון באלאט און האבען דערפאר געראטען די מיטגלידער צו שטימען נאכ'ן „טשעק" פון אויבען ארונטער, און אנדערע האבען געדענקט פארקערט, אז מען דארף שטימען פון אונטען ארויף. אבער ווייטער זיינען מיר אלע געווען איינשטימיג אין אונזערע האנדלונגען. קיין „ליטעראטור" האבען מיר נים געדרוקט, קיין זידעל ווערטער נים געברויכט און קיין געקינצעלטע פראגראמען נים פארמולירט. מיר האבען דורכגעפיהרט די פארגאנגענע וואהלען אין פולסטען איינקלאנג מיט דעם גייסט פון לאקאל 17 און אונזערע מיטגלידער פארדינען דעם הארציגסטען דאנק פאר זייער אנשטענדיגען און אויפריכטיגען וועג אין וועלכען זיי האבען אנטייל גענומען אין די לעצטע וואהלען.

אונזער באנקעט.

אונזערע מעמבערס מעגען שוין וויסען די פרעהליכע נייעס, אז אלע טיקעטס זיינען אויספארקויפט געווארען און אז די יעניגע וועלכע האבען גענומען אונזער ווארנונג ערנסט וועלען זיין פון די גליקליכע וועלכע וועלען אנוועזענד זיין און די יעניגע וועלכע האבען זיך אביסעל פארשפעטיגט — וועל — זיי וועלען מוזען ווארטען פאר'ן נעקסטען באנקעט.

א דור הפלגה.

עס פאנגט זיך באלד אן דער סעזאן פון סלעק, די פעריאדע, וועלכע ברייננט אריין אביסעל אומעט אין אונזערע הערצער. דער סעזאן איז נים געווען קיין אויסערגעוועהנליכער.

די צייטען אין אלגעמיין זיינען נים אזוי וואונדערבאר, און עס איז גאנץ נאטירליך אז אין אזעלכע מאמענטען, זאלען זיך די אפיציעלע פראפאגאנדיסטען נעמען צו דער ארבייט פון „אויפקלעהרונגען". א ברודער, וועלכער איז אין אן אומעטיגען געמיט, איז פיל מאל אויסגעזעצט צו דער געפאהר פון צוהערען זיך צו אלע נארישקייטען, אנכאפען זיך אן אלע באבסקע רפואות און אנפאנגען גלויבען אין פעטענט מעדיצינען פון פארשידענע סארטען. דער ערנסטער מעמבער מיט א געזונטען פארשטאנד מוז אבער אנהאלטען זיין גלייכגעוויכט אלע מאל און דארף זיך נים פארלירען אין שלעכטע צייטען. מיר ריפער מאכער האבען דורכגעמאכט פארשידענע שלעכטע צייטען און עקאנאמישע קריזיסען אין אונזער לאנד און מיר האבען זיך קיינמאל נים פארלארען. מיר האבען קיינמאל נים צוגעשריבען אלע שולדען צו דער יוניאן. מיר האבען געוואוסט, אז אויב עס איז ווען נויטיג אפצוהיטען דעם נאמען און דעם פרעסטיזש פון דער יוניאן, איז עס אין סלעק, אין שלעכטע צייטען. ווארים אין גוטע צייטען איז קיין גרויסער קונץ נים צו זיין א גוטער יוניאן מאן. דאן איז יעדער „משה אפס" א הורשה שרייער און א בראווע פאטשער.

אנטקעגען וואס זאגען מיר עס אייך? אט אנטקעגען דעם. מיר האבען דיזע וואך זיך צוזאמענגעטראפען מיט א שאפ ארבייטער. אלע יוניאן לייט — אין הארצען. און דאכט זיך, אז זיי האבען ביכלאך אויך. נאר וואס? זיי טויגען נים. ניין, לחלוטין נים. ווייל אין דער אמת'ן זיינען זיי שטרויענע סאלדאטען, און מיט אזעלכע פלאקען שיסער קען מען ווייט נים געהן. אט הערט זיך נאר צו. ווען עס איז נים ערלויבט צו ארבייטען שבת, ארבייטען זיי גראדע יא. ס'איז אמת, אז זיי האבען א פארענטפערונג אויף דעם, אז זיי האבען נים געזעהן דעם פארבאט אין „פאי־פער". ווען — זאגען זיי — מיר וואלטען עס געזעהן אין „פאי־פער", וואלטען מיר עס זיכער נים געטאן. נאר דאס רעדט זיך אזוי. ווייל זיי האבען דעם פארבאט יא געזעהן אין די צייטונגען. נאר וואס? נים אין דעם „פארווערטס", נאר אין „מארגען זשורנאל". און ווי אזוי טאקע קענען זיך אזעלכע קלאסען באוואוסטע ארבייטער צוהערען צו אזא קאפיטאליסטישען „פאי־פער". נאר דאס זיינען מיר זיי שוין מוחל. נאר וואס? אט הערט ווייטער.

א טייל פון די ארבייטער ארבייטען אונטער עכטע יוניאן באדינגונגען. זיי ארבייטען פון וואך, ארבייטען „אווערטיים" יעדע נאכט ביז 7 און שבת, ווי געוויינליך, און קריגען באצאלט אין פול. יע, זיי קריגען באצאלט ביז א פעני, לויט אלע געזעצען פון דער יוניאן. נאר וואס? אויף מארגען קערען זיי אום דעם „צעק" צוריק צום באלעבאס. זיי שעמען זיך פאר זיך אליין צו טשענדזשען דעם באס' אומזיסטיגע געלט. און אזוי ווי די יוניאן איז איינגעשפארט, האבען זיי זיך זייער איינענעם „פעטען". מען נעמט און מען גיט צוריק. פרעגען מיר אייך, דארף ניט א געזונט אריין אין אזעלכע גאלדענע פינגער? נאר דאס זיינען מיר זיי אויך מוחל. נאר וואס? הערט זשע ווייטער.

אן אנדער טייל פון שאפ ארבייט זיך אזוי בשלום פון שטיק. אויף גרינגע ביליעטען. אויף אזעלכע פייפערלאך, אויף וועלכע יעדער סטייל נומער, יעדער לאט נומער, יעדער פרייז פון בנד'ל ווערט זיך פינקטליך פארשריבען און מען קריגט „פיידע" אוים'ן יארד. און דערוויל זיינען כמעט אלע צופרידען אין שאפ פון דור הפלגה, מען האלט ביי דעם אלטען מיטעל: „זנאם ניע זנאיו". נאר וואס, עס וועט אנ'טמען דער סלעק און וועט דארפען געהן קאשען ערגעץ אנדערש, וועלען מסתמא די מייסטע פון זיי אנהויבען די אלטע לידעלע: „ט'העל מיט די יוניע", מען טוט פאר אונז גארנים, מען ארבייט פון שטיק, מען פארברעכט אלע געזעצען, און אזוי ווייטער.

נאטירליך, וועט די יוניאן נעמען א שטעלונג געגען דעם באס און געגען די ארבייטער. נאר פונדעסטוועגען וואלטען מיר געוואלט, אז איהר זאלט אלע געדענקען, אז ווען עס איז אייך א ביסעל אומעטיג אויפ'ן הארצען, נים צו בליימען אלעם אויף דער יוניאן. אז איהר זאלט וויסען, אז אונזערע אייגענע ארבייטער, זאל זיי נאר צו קיין קנאי נים זיין, זיינען אויך געוויסערמאסען פאראנטווארטליך פאר דעם באשרענקטען פראגרעס וועלכען מיר קענען מאכען. מיר האבען נאך פילעס צו טאן אויף דעם געביט פון אויפקלערונג פון אונזער אייגענער ארמיי, ביז מיר וועלען קענען דערגרייכען די שטופע פון פאלקאמענעם קאנטראל איבער די באדינגונגען אונטער וועלכע מיר ארבייטען אין די שעפער.

אנערקענונג פאר גוטע ארבייט

די ארבייטער פון ס. ליוויי און קא., פון 520 8טע עוועניו, האבען אנערקענט די גוטע ארבייט פון זייער ביזנעס אייגענט דזש. סניידער פאר זיין גוטער ארבייט פאר די ארבייטער פון שאפ. זיי האבען איהם לעצטען שבת, ביי א ספעשעל מיטינג, פרעזענטירט מיט א שעהנעם טואלעט סעט און האבען איהם אויסגעדריקט אלע גוטע וואונשען פאר זיין אינטערעס אין זייערע שאפ אנגעלעגענהייטען. די קאמיטע פון שאפ באשטעהט פון די פאלגענדע ברידער: ב. גאלדבערג, טשערמאן; א. קעסלער, א. בערקין, ב, שלטמאן און ד. היים.

די ארבייטער פון דער מיוריעל קלאוק קא., 55 וועסט 17טע סטריט, האבען אנערקענט די ארבייט פון זייער שאפ טשערמאן, ברודער דזשוליוס גלייכענהויז מיט אן אמת'ער מתנה — 50 דאלאר אין קעש. די קאמיטע פון שאפ באשטעהט פון די פאלגענדע ברידער: ת. ענגעל, מ. שפירא, מ. בארלא און א. מאסקאוויטש.

לאמיר האפען, אז ער האט דאס געקראגען פאר אפהיטען אלע יוניאן קאנדישאנס.

דער „ארט" בויט קאאפעראטיווע זאקען ווארשטאטען אין רוסלאנד

דער „ארט" פארזארגט איינצעלנע קוסטארען, מיטגלידער פון די קרעדיט־געזעלשאפטען, מיט זאקען־מאשינעס. דערמיט אבער, וואס דער קוסטאר קריגט א מאשין, איז ער נאך נים איינגאנצען באווארענט מיט ברויט. ווייל דאס, וואס עס קומט ארויס פון דער זאקען־מאשין, איז נאך נים קיין פארטיגער פראדוקט. איידער די „קישקע", ווי דאס הייסט אויף דער פראפעסיאנעלער שפראך פון די זאקען־מאכער, וועט פארוואנדעלט ווערען אין א פארטיגער זאק, דארף זי נאך דורכגעהן א רייהע מעכאנישע פראצעסען: זי דארף צונויפגענייט ווערען פון אונטען ביי דער פיאטע, דער אויבערשטער זוים דארף פארענדיגט ווערען. זי דארף פארמירט ווערען, כדי זי זאל אננעהמען און געפרעסט ווערען. די אלע פראצעסען פאדערען מאשינעס און געצייג: א „קעטעל־מאשין" איינצונייען דעם נאט פון אונטען, אן „אווערלאק" צו פארענדיגען די זאק פון אויבען, פארמעס, טושען א. א. וו. די אלע מאשינעס געפינען זיך אין באזונדערע הענד, און דער זאקענמאכער, צי דער טריקאטאזשניק, דארף פארלירען פיל צייט און אפגעבען פיל פון זיין פארדינסט, איידער ער האט פארטיג זיין סחורה.

דעריבער האט דער „ארט" איינגעשטעלט קאאפעראטיווע ווארשטאטען אין די ערטער, וואו די אידישע זאקענמאכער און טריקאטאזשניקעס זיינען אממייסטען קאנצענטרירט (אין לענינגראד, אין קיעוו, אדעס, מינסק, בערדיטשעוו, ראסלאוול, סוראזש, באראוויטשי). די דאזיגע קאאפעראטיווע ווארשטאטען באדינען דעם גאנצען טרייד מיט אויספארטיגונגס־ארבייט. זיי זיינען באזארגט, די ווארשטאטען די קאאפעראטיווע, מיט אלע נויטיגע מאשינען, אזוי אז דער קוסטאר דארף נים פארלירען זיין צייט, אומלויפענדיג פון איין אויספארטיגער צום צווייטען. און ווייל דער קאאפעראטיווער ווארשטאט איז נים אויסען צו פארדינען פון דעם קוסטאר, פארגרעסערט זיך צוליב דעם דער פארדינסט פונ'ם קוסטאר.

עס איז נאר א שאד, וואס צוליב געלד־מיטלען קאן דער „ארט" נים אויסבויען אזוי פיל קאאפעראטיווע ווארשטאטען, וואס זאלען באדינען אלע קוסטארען.

מיר, די ארבייטער פון דער איירוואן דרעס קא., 1375 בראדוויי, פארזאמעלט ביי א רעגעלען שאפ־מיטינג, דריקען אויס אונזער טיפסטען צער אויף דעם אומגליק, וואס האט געטראפען די אידישע מאסען אין פאלעסטינא. דאס שעכטען פון אומשולדיגע מענשען — זקנים, פרויען און קינדער — רויבען און פארניכטען דאס ארימע אייגענטום פון מענשען, וועלכע האבען עס אלעס אליין, מיט זייער אייגען בלוט און שוויים, אויסגעארבייט, איז אן אקציע פון ווילדע אזיאטען, וואס מוז פארדאמט ווערען פון יעדען רעכטדענקענדען מענשען. מיר האבען, אויף דעם אויפרוף פון אונזער אינטערנעשאנאל, געזאמעלט די סומע פון 72 דאלאר.

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער פאראכטונג צו די קאמוניסטישע הפקר־יונגען, זייער פארטיי און נידערטרעכטיגער פרעסע, פאר זייער אנטיסעמיטישער שטעלונג, באצוג דער פראגע. די ארבייטער אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע האבען שוין פון לאנג דערקענט זייער באנדע. זאלען איצט די אומפארטייאישע עלעמענטען, וועלכע האבען זיך געפריינדעלט מיט די קאמוניסטען, וויסען און געדענקען ווער דיזע חברה זיינען.

מ. שפיגעלמאן, טשערמאן

ב. וויינשטיינ'ס נייער בוך „די אידישע יוניאנס אין אמעריקא" איז ערשט ארויס פון דרוק

עס איז איצט ארויס פון דרוק א נייע ווערק: „די אידישע יוניאנס אין אמעריקא", פארפאסט פון גענאסע ב. וויינשטיין, וועלכער איז איינער פון די נאר ערשטע גרינדערס פון אידישע יוניאנס אין אמעריקא, נאך זייט דעם יאהר 1882.

און זיין נייעם בוך „אידישע יוניאנס אין אמעריקא" דערצעהלט גענאסע וויינשטיין וועגען אמאליגען אידישען אימיגראנטען לעבען אין אמעריקא, ווי אזוי זיי האבען דא געלעבט, געארבייט אין די שעפער און געבויט אידישע יוניאנס.

דער בוך אנטהאלט 570 זייטען און איז אנגעפיקעוועט מיט פאטירונגען, סצענעס און בילדער — פאקטען, וואס רופען ארויס געלעכטער און טרערען.

דער
ארבייטער רינג
און דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.
פארמאגט — $2,500,000.00
מיטגלידער — 83,000
בראנטשעס — 740
דער ארב. רינג שטעלט זיך [illegible] קעמפען [illegible] און פאליטישען קאמף.
דער ארב. רינג איז דער קול־טור [illegible] און דער אידישער ארבייטער באוועגונג.
דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן איינענעם סאנאטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.
מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.
אויב איהר זייט נאך נים קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!
פאר אויסקינפטע ווענדעט זיך צום:
THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Journal
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union. Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y. Tel. Chelsea 2148
BENJ. SCHLESINGER, Pres. A. BAROFF, Sec'y-Treas.
DR. H. HOFFMAN, Editor
Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.
Vol. XI. No. 35. Friday, Nov. 15, 1929
Entered as second class matter June 5, 1919, at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די פראגע פון דעמאקראטיע אויף דער קאנווענשאן

פראגען פון דעמאקראטיע וועלען אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל פארנעמען דעם אנגעזעהענסטען פלאץ.

דאס קענען מיר שוין זעהן פון די צושריפטען, וואס מיר באקומען אין דער „גערעכטיגקייט".

די פראגע פון דעמאקראטיע אין טרייד יוניאנס איז אן אלטע. זי עקזיסטירט אין אלע יוניאנס סיי אין אמעריקא, סאי אין די אייראפאישע לענדער. אבער מיר גלויבען, אז די הויפט-פראגע פון דעמאקראטיע אין די יוניאנס איז נים אזוי ווי דעמאקראטיש עס זאל זיין די קאנסטיטוציע פון א יוניאן, נאר ווי אזוי מען קען ווירקען, אז די מיטגלידער פון דער יוניאן זאלען זיך וועלען באנוצען מיט דער דעמאקראטיע, וואס זיי האבען געקראגען.

יעדע יוניאן איז באשעפטיגט מיט דער פראגע ווי אזוי צו ווירקען אויף די מיטגלידער פון דער יוניאן, אז זיי זאלען באזוכען די יוניאן מיטינגען. מיר האבען אין דעם פאריגען נומער „גערעכטיגקייט" ציטירט א לייט-ארטיקעל פון דעם „פעדערײשאניסט", דער אפיציעלער זשורנאל פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, אין וועלכען עס ווערט באהאנדעלט די פראגע ווי אזוי צו ווירקען אויף די מיטגלידער פון די יוניאנס, אז זיי זאלען באזוכען די יוניאן מיטינגען. דאס ווייזט, אז די פראגע איז אן אלגעמיינע, אז אין אלע יוניאנס פון לאנד דארף מען זוכען מיטלען ווי אזוי צו ווירקען אויף די מיטגלידער, אז זיי זאלען זיך באנוצען מיט דער דעמאקראטיע, וואס די יוניאנס זייערע גיבען זיי. ווארים וואס איז דען אייגענטליך דעמאקראטיע אין יוניאנס? — עס איז דאס רעכט פון די מיטגלידער צו באשטימען ווי די יוניאן זאל זיך פיהרען, וואס די יוניאן דארף טאן און וואס נים. און עס זיינען דאך די מיטינגען פון דער יוניאן, וואו עס ווערט באשטימט ווי די יוניאן דארף זיך פיהרען. און אויב די מיטגלידער וועלען נים קומען צו די מיטינגען פון דער יוניאן, מיינט עס, אז זיי ווילען זיך נים באנוצען מיט דער דעמאקראטיע, וואס די יוניאן גיט זיי, און זיי לאזען איבער די פיהרונג פון דער יוניאן אין די הענד פון די בעאמטע.

נאך דאס איז נאך נים דאס ערגסטע וואס פאסירט. די בעאמטע גופא זיינען דאך אויך א טייל פון דער דעמאקראטיע פון דער יוניאן. די בעאמטע ווערען דאך געוועהלט פון די מיטגלידער און די מיטגלידער קענען זאגען, אז זיי האבען צוטרויען צו זייערע געוועהלטע בעאמטע און פארלאזען זיך אויף זיי, אז זיי וועלען פיהרען די יוניאן ווי נויטיג איז, און טאמער נים וועט מען זיי אראפנעהמען אדער א צווייטען מאל נים וועהלען. דאס מעג זיין נים קיין שלעכטער חשבון. אבער עס טרעפט זעהר אפט, אז די געוועהלטע בעאמטע קענען נים פיהרען די יוניאן לויט זייער אייגענעם ווילען און זיין טריי די מיטגלידער, וואס האבען זיי געשענקט זייער צוטרויען. עס טרעפט, אז צוליב דער נאכלעסיגקייט און גלייכגילטיגקייט פון די מיטגלידער צו באזוכען די מיטינגען פון דער יוניאן, אנטוויקלט זיך אין דער יוניאן עטוואס אזוינס, וואס מען רופט „מאשין". עס הייסט, אז די קאנטראל פון דער יוניאן פאלט אריין אין די הענד פון עטליכע מענשען, וואס זיינען מער מעטיג און פאראינטערעסירט. די געוועהלטע בעאמטע ווערען דאן זעהר שטארק אפהענגיג פון אט דער קליינער גרופע מענשען און זיי מוזען זיך פיהרען ווי אלץ רעכענען מיט זייער מיינונג.

אבער אויך דאס מעג נאך נים זיין אזוי שלעכט. די קליינע גרופע מענשען, וואס זיינען טעטיג אין דער יוניאן און זיינען פאראינטערעסירט אין איהר פיהרונג, קענען זיין גראד פעהיגע מענשען, איבערגעגעבענע, טרייע יוניאן לייט און זיי טוען א סך גוטס דער יוניאן מיט זייער טעטיגקייט, אין דער צייט, ווען די אנדערע מיטגלידער שטעהען פון דער זייט און זיינען גלייכגילטיג. אין די מייסטע פאלען איז דאס טאקע אזוי. און ווען מען רעדט וועגען א „מאשין" אין דער יוניאן איז דאס נים אלע מאל צום שלעכטען. א מאשין קען באשטעהן פון א גרופע איבערגעגעבענע, פעהיגע, טעטיגע מיטגלידער פון דער יוניאן, וועלכע זארגען, אז די יוניאן זאל געפיהרט ווערען ווי נויטיג איז. עס קען אבער אויך טרעפען, אז עס זאל זיך געפינען א גרופע מענשען אין דער יוניאן, וואס וועלען אויסנוצען די יוניאן פאר זייערע אינטערעסען און עס ארגאניזירט זיך א „מאשין", וואס פיהרט די יוניאן נים אין די אינטערעסען פון די מיטגלידער, נאר געגען זייערע אינטערעסען. און אט טאקע צוליב דער געפאר, וואס די פיהרונג פון דער יוניאן קען אריינפאלען אין שלעכטע הענד, ווערען די מיטגלידער פון דער יוניאן שטענדיג אויפגעפאדערט, אז זיי זאלען אויסנוצען די דעמאקראטיע, וואס די יוניאן גיט זיי און זיי זאלען אלע מאל אליין באשטימען ווי די יוניאן זאל געפיהרט ווערען.

די ערפארונג האט אבער ביז איצט באוויזען, אז די אגיטאציע אין די יוניאנס, אז יעדער מיטגליד זאל קומען צו די מיטינגען און אויף אזא אופן אנטייל נעמען אין דער פירונג פון דער יוניאן, האט נים אלע מאל די נויטיגע ווירקונג. די מיטגלידער קומען, אויך נים אלע, ווען עס פאסירט אין דער יוניאן עטוואס אויסערגעוועהנליכעס. די ערפאהרונג האט געוויזען, אז אויך נים אלע מיטגלידער קומען ווען עס האנדעלט זיך אפילו וועגען א געלד-פראגע, ווי למשל, דיוס, אדער א ספעציעלען טעקס. נאר אויב אין אויסערגעוועהנליכע פאלען קומען דאך א גרויסע צאל מיטגלידער, קומען אבער א גאנץ קליינע צאל צו די מיטינגען פון דער יוניאן, ווען עס ווערען פארהאנדעלט די טאג-טעגליכע פראגען פון דער יוניאן. און אט טאקע צוליב דער ערפארונג זיינען פילע יוניאן פיהרער געקומען צו דער מיינונג, אז טאקע אין די אינטערעסען פון דער דעמאקראטיע און אין די אינטערעסען פון די מיטגלידער דארפען די געוועהלטע בעאמטע באקומען וואס מער אומאפהענגיגקייט און וואס מער זעלבסטשטענדיגקייט צו האנדלען ווי לאנג זיי זיינען אין זייער אמט. דאס וועט זיי ביז א געוויסער מאס אויסהיטען פון דער שלעכטער ווירקונג, וואס עס קען אויף זיי א מאל האבען א זעלבסט-געקרוינטע מאשין.

מיר ווילען דא אנווייזען, אז ווען מען רעדט וועגען דעמאקראטיע אין יוניאנס, און עס איז גוט וואס מען רעדט וועגען דעם, דארף מען שטענדיג האבען אין זינען צו זוכען וועגען און מיטלען ווי אזוי די דעמאקראטיע זאל נים פארכאפט ווערען פון א קליינער גרופע מענשען און אויסגענוצט ווערען פון זיי געגען די אינטערעסען פון דער יוניאן און פון דער גרויסער צאל מיטגלידער.

און עס איז כאראקטעריסטיש, וואס די שטענדיגע זוכער פון דעמאקראטיע אין די יוניאנס זוכען בלויז מיטלען צו שיצען די דעמאקראטיע, אז זי זאל נים אונטערדריקט ווערען דורך די בעאמטע, וואס זיי האבען אליין געוועהלט, בעת זיי פארגעסען צו זוכען מיטלען ווי אזוי צו שיצען די דעמאקראטיע פון די זעלבסט-געקרוינטע פיהרער, וועמען קיינער האט נים געוועהלט. און גראד זיינען עס מיסטענס די זעלבסט-געקרוינטע פיהרער, וואס מאכען אן די גרעסטע צרות אין די יוניאנס.

מיר מיינען דערמים נים צו זאגען, אז די פארשידענע דעמאקראטישע איינפירונגען און באשלוסען וואס מיר האבען אין די יוניאנס זיינען אינגאנצען נוצלאז. אזא געדאנק איז פון אונז גאנץ ווייט. מיר ווילען בלויז זאגען, אז די מיטגלידער זאלען נים דענקען, אז דורך א רעזאלוציע אויף א קאנווענשאן וועגען א נייער דעמאקראטישער איינפיהרונג וועט שוין אליין געבראכט ווערען אין דער בעסטער ארדנונג. וויכטיג איז, אז די מיטגלידער זאלען זיך באנוצען מיט דער דעמאקראטיע, וואס זיי קריגען פון די קאנווענשאנס. ווארים, ווען די מיטגלידער באנוצען זיך נים מיט דער דעמאקראטיע, קען די בעסטע דעמאקראטישע ארדנונג פארוואנדעלט ווערען אין אן אנטי-דעמאקראטישע.

די דעמאקראטיע איז א גוטער שוץ פאר די רעכטען פון די מיטגלידער, אבער די דעמאקראטיע גופא מוז האבען שוץ. און אויב די מיטגלידער ווילען, אז זייערע רעכטען זאלען געשיצט ווערען דורך די דעמאקראטיע, דאן דארפען זיי שטעהן שטענדיג אויף דער וואך צו שיצען די דעמאקראטיע, אז זי זאל נים פון וועמען עס איז פארכאפט ווערען.

דער ערשטער עקזאמען

דער קלאוק סעזאן דערנענטערט זיך צו זיין ענד און מען קען נים זאגען, אז ער איז געווען אן איבעריגס געראטענער. ער האט געקענט זיין א סך בעסער. עס ווערען אנגעגעבען פארשידענע אורזאכען ווארום דער איצטיגער סעזאן איז נים געווען קיין גוטער, אבער ארזאכען זיינען אלע מאל פאראן און עס ווערט דעם קלאוקמאכער נים פולער אין קעשענע, ווען ער ווייס די אורזאכען ווארום זיין קעשענע איז ליידיג. מיר דארפען אבער זאגען, אז דער סעזאן וואלט געווען פאר די קלאוק מאכער א סך ערגער, ווען זיי וואלטען נים צוריק אויפגעבוים זייער יוניאן.

א נים-געראטענער סעזאן מיינט אז עס איז פאראן ווייניג ארבייט. און ווען עס איז פאראן ווייניג ארבייט פאר די, וואס האבען שטענדיגע דזשאבס, איז אין גאנצען נישט קיין ארבייט פאר די, וואס האבען בלויז צופעליגע דזשאבס. און ווען עס איז ווייניג ארבייט, ווילען די מאנופעקטשורערס זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט און האנדלען מציאות ביי די קלאוק מאכער. דאפעלטע מציאות — לענגערע ארבייטס-שטונדען און א קירצערען ארבייטס-לוין. און וואלט נים געווען קיין יוניאן, וואס זאל אויפפאסען, אז יוניאן באדינגונגען זאלען אפגעהיט ווערען אין די קלאוק שעפער, דאן וואלט דער סעזאן געווען זעהר א צרה'דיגער פאר די קלאוקמאכער. די צאל פון די ארבייטסלאזע וואלט געווען זעהר גרויס און די פארדינסטען פון די, וואס האבען געארבייט, וואלט געווען זעהר קליין. די קאנטראל פון דער יוניאן האט אבער גוט געווירקט, אז אפילו אין נים קיין גוטען סעזאן זאל די צאל פון די ארבייטסלאזע נים זיין גרויס און אז די, וואס ארבייטען, זאלען קריגען זייער פרייז.

די צוריקאויפגעבויטע קלאוק מאכער יוניאן האט געדארפט אויסהאלטען איהר ערשטען עקזאמען. עס איז א פארדרוס, וואס זי האט איהר ערשטען עקזאמען געדארפט האלטען אין א נים קיין גוטען סעזאן, אבער זי האט איהם דאך גלענצענד אויסגעהאלטען. זי האט קאנטראלירט די אינדוסטריע און האט אויפגעפאסט, אז יוניאן באדינגונגען זאלען אפגעהיט ווערען אין די שעפער, נים קוקענדיג אויף דעם, וואס די צושטענדען אין דער קלאוק אינדוסטריע זיינען געווען דעם סעזאן נים קיין גינסטיגע. מיר ווילען האפען, אז דער נעקסטער סעזאן וועט זיין א בעסערער פאר די קלאוק מאכער און דער צווייטער עקזאמען פון דער יוניאן וועט זיין א לייכטערער, ווי דער ערשטער.

די קאנפערענצע מיט די דרעס מאנופעקטשורערס

מיר ווילען האפען, אז די קאנפערענצען, וואס ברודער ב. שלעזינגער, אונזער פרעזידענט, האט די וואך אנגעפאנגען מיט די דרעס מאנופעקטשורערס, וועלען פיהרען צו א פרידליכער פארשטענדיגונג אין דער דרעס אינדוסטריע און אן אפענער קאמף וועט אויסגעמידען ווערען. מיר ווילען האפען, אז די מאנופעקטשורערס וועלען אנערקענען די גערעכטע פאדערונגען פון דער יוניאן און וועלען זיי נאכגעבען. ווייסען דאך די מאנופעקטשורערס, אז דער איצטיגער צושטאנד אין דער דרעס אינדוסטריע איז אן אונערטרעגליכער פאר דער יוניאן און אז ער קען לענגער נים אנגעהאלטען ווערען.

נאר אויב די מאנופעקטשורערס זיינען נים גרייט איינצוזעהן דעם גערעכטען שטאנדפונקט פון דער יוניאן און ווילען זיך בעסער פארלאזען אויף א פארמעסטונג פון כוחות און פרובירען אויסקעמפען די שטרייט-פראגען צווישען זיי און דער יוניאן אין אן אפענעם קאמף, דאן מעגען זיי זיכער זיין, אז די יוניאן וועט דעם קאמף נים אויסמיידען. נאר וועט איהם איינגעמען מיט איהר גאנצער ענערגיע און וועט דעם קאמף נים אויפגעבען ביז זי וועט איהם דערפיהרען צו א פולשטענדיגען זיג.

צו אונזער גרויסער צופרידענהייט זיינען די צוגרייטונגען וואס די דרעס מאכער יוניאן האט ביז איצט געמאכט צום קאמף גאנץ ערפאלגרייכע. עס זיינען ביז היינט ארגאניזירט געווארען ארום 170 שעפער, וועלכע זיינען געשטאנען אויסער דער יוניאן און די רייהען פון די ארגאניזירטע דרעס מאכער זיינען באדייטענד פארשטארקט געווארען. עס זיינען צוגעקומען טויזענדע נייע מיטגלידער אין דער יוניאן און אן ענערגישע ארגאניזאציאנס ארבייט ווערט אנגעפיהרט אין דער גאנצער אינדוסטריע. און מיר זיינען באזונדערס צופרידען צו הערען, אז דער צושטערענדער און פארדארבענדער איינפלוס פון די קאמוניסטען, וואס איז געווען אזוי גרויס צווישען די דרעסמאכער, האט ענדליך פארלארען זיין באדייטונג. די אויסניכטערונג פון דעם קאמוניסטישען משגע איז היינט איינע פון די פרעהליכסטע ערשיינונגען צווישען די דרעס מאכער. עס איז ווידער א מאל מעגליך געווארען אויפצולעבען די גרויסע דרעסמאכער יוניאן, וואס די קאמוניסטען האבען צושטערט.

מיר באגריסען דעריבער די קאנפערענצען, וואס האבען זיך אנגעפאנגען צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס, מיט דער פולער האפנונג, אז זיי זיינען אן אנפאנג פון בעסערע צושטענדען אין דער דרעס מאכער אינדוסטריע פאר די ארבייטער.

די אויפלעבונג פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין מאנטרעאל.

דער באריכט, וואס איז פאריגע וואך געדרוקט געווען אין „גערעכטיגקייט" וועגען דער אויפלעבונג פון דער קלאוק מאכער יוניאן אין מאנטרעאל, איז איינער פון די בעסטע ביישפילען, אז די צייטען פון דער קאמוניסטישער צושטערונגס ארבייט אין אונזערע יוניאנס זיינען פאריבער און באלאנגען צו דער פארגאנגענהייט.

אין מאנטרעאל איז די צושטערונגס-ארבייט פון די קאמוניסטען געווען אזוי גרינדליך, אז די גאנצע ארבייטער באוועגונג דארטען האט אויסגעקוקט ווי א בית-עולם. און ווען מיר הערען היינט, אז אין מאנטרעאל האט די קלאוק מאכער יוניאן ווידער א מאל 500 מיטגלידער און אז עס ווערט ווידער א מאל דארטען אנגעפיהרט א לעבעדיגע יוניאן טעטיגקייט, קלינגט עס אין אונזערע אויערען ווי א וואונדער-געשיכטע. דאס דינט אונז פאר דעם בעסטען ביישפיל, אז א נייער, געזונטער גייסט האט אנגעפאנגען באהערשען די ארבייטער און אז זיי האבען אנגעפאנגען פארשטעהן וואס פאר אן אומגליק עס זיינען געווען פאר זיי די קאמוניסטען, וועלכע האבען צוברעכען זייערע יוניאנס און האבען זיי געמאכט אזוי קראפטלאז און נוצלאז אין זייער קאמף מיט זייערע באלעבאטים פאר א בעסערען לעבען.

מיר זעהען, אז די קלאוק מאכער אין מאנטרעאל פארשטעהען עס איצט פונקט אזוי גוט, ווי די קלאוקמאכער אין ניו יארק, און דאס איז ווירקליך א גרויסע פרייד.

פון וואך צו וואך

פון צביון.

אין שוין אויך דער וואהל-קאמף אזוי גוט ווי פאריבער, און עס בלייבט בלויז איבער צו גראטולירען די זיגער און צו טרייסטען די באזיגטע.

איך מיין עס דעם וואהל-קאמף צו דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל. און איך דארף זאגען, אז עס איז געווען א גאנץ הייסער קאמף און א ביסעל אמוניציע איז אין איהם אויסגעשאסען געווארען.

מילא, דארטען וואו מען שיסט, מוז זיין נים בלויז רויך, נאר אויך א ריח, אבער מען דארף נים אויסקלייבען אזעלכע שיס-פולווער, וואס לאזט איבער א ערגעריכטען רויך און א צו שטארקען ריח. איך מיין צו זאגען, אז די אמוניציע, וואס איז אין מאנכע פאלען גענוצט געווארען אין דעם וואהל-קאמף, איז געווען אזעלכע, וואס מען האט צו איהר געדארפט האבען נים בלויז א דיקע הויט, נאר אויך נים קיין צו איידעלע נאז.

איך האב דורכגעלייענט דאס ביסעל ליטעראטור, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פאר'ן וואהל-קאמף, און איך מוז זאגען, אז די קלאוקמאכער קענען זיך איינע די אנדערע דערלאנגען מיט'ן פען פונקט ווי אמת'ע שרייבער. נאך מיין מיינונג קען די שרייבער יוניאן אויפהויבען א פראגע פון יורידיקציע.

אבער מיך אינטערעסירט נים אין דעם איצטיגען מאמענט די שרייבער יוניאן, נאר די קלאוקמאכער יוניאן. איך גלויב נים, אז די ליטעראטורישע אמוניציע, וואס איז געברויכט געווארען אין מאנכע פאלען פאר דעם וואהל-קאמף צו דער קאנווענשאן, קען צוגעבען א סך נחת צו דער קלאוקמאכער יוניאן.

און זאל מען מיך נים שלעכט פארשטעהן. איך ווייס, אז נים אלע מאל קען מען אנריהרען זאכען מיט זיידענע הענטשקעס און אז נים אלע מאל קען מען זיין הונדערט פראצענט העפליך. איך ווייס, אז אין דער צייט פון קאמף איז די טעמפעראטור אביסעלע העכער ווי נארמאל, און ווען מען איז אביסעל צוהיצט, איז די צונג נים אין גאנצען פאראנטווארטליך פאר אלץ, וואס פאלט פון איהר ארויס. אבער אויב דער צונג איז אונטער אזעלכע אומשטענדען ערלויבט אביסעל מעהר פרייהייט, דארף עס אבער דער פען נים זיין ערלויבט. די פען דארף אין אלע צייטען און אונטער אלע אומשטענדען קאנטראלירט ווערען. אויף דעם זאגט דער רוסישער פסוק: דאס וואס איז אנגעשריבען געווארען מיט דער פען, קען מען אפילו מיט א האק נים ארויסהאקען.

נאר לאמיר האפען, אז מיט דעם רויך פון וואהל-קאמף וועט אויך אוועק זיין ריח. און די קלאוקמאכער, דאכט זיך מיר, האבען צווישען זייערע אנדערע מעלות אויך די מעלה, וואס זיי קענען פארגעסען זאכען, ווען זיי דארפען.

און וואס איז שייך צו מיר, טראכט איך איצט וועגען אן ערפינדונג, ווי אזוי מען קען מאכען, אז אלע קאנדידאטען, וואס לויפען, זאלען ערוועהלט ווערען. נאר איך מוז זאגען דעם אמת, אז איך צווייפעל זעהר שטארק, אויב אזא ערפינדונג וואלט געבראכט גוטס. ווארים דעם דורכגעפאלענעם קאנדידאט פארדריסט נים אזוי שטארק, וואס ער איז דורכגעפאלען, ווי עס פארדריסט איהם, וואס יענער איז געוועהלט געווארען.

* * *

און אפשר בין איך געווען אביסעל צו שטרענג צו די ברידער קלאוקמאכער פאר דער שפראך און פאר דער ליטעראטור, וואס איז פון זיי באנוצט געווארען אין דעם וואהל-קאמף. מען דארף נים פארגעסען, אז נאכ'ן מבול קומט דער דור הפלגה. אזוי, דאכט זיך מיר, אין דער סדר אין חומש. אויב איך מאך א טעות, וועט געוויס זיך געפינען א קלאוקמאכער, וואס וועט עס מיר זאגען.

איך ווייס, אז צווישען די קלאוקמאכער זיינען פאראן א רעכט ביסעל לומדים.

מען דארף האבען אין זינען, אז די קלאוקמאכער יוניאן האט איבערגעלעבט א מבול, וואס האט איהר כמעט אינגאנצען ארונטערגעשווענקט פון דער אויבערפלעכע. עס איז אינגאנצען בלויז עטליכע חדשים ווי די יוניאן איז צוריק אויפגעבוים געווארען. און עס וואלט געווען אן אונגלויבליכער וואונדער, ווען אלע שפורען פון דעם מבול וואלטען שוין געווען פארשוואונדען.

איך מוז אויסזאגען דעם אמת, אז מיר איז זעהר שווער זיך פאנאנדערצוקלייבען אין די מיינונגס-פארשידענהייטען פון די פארשידענע גרופען, וואס זיינען ארויסגעטראטען אין דעם לעצטען וואהל-קאמף. עס קען זיין, אז איך האב א צו גראבען קאפ צו באגרייפען אזעלכע איידעלע אונטערשיידען, און עס קען זיין, אז מיין קאפ איז נאר נים אזוי שולדיג, נאר די שטרייטענדע גרופען האבען זיך נים גענעבען די מיה גענוג קלאר צו מאכען זייערע מיינונגס-פארשידענהייטען. אבער ווי די זאך זאל נים זיין, איז דער קאמף דאך נים געווען אינגאנצען קיין פערזענליכער, נים קוקענדיג אויף דעם, וואס עס זיינען באנוצט געווארען פערזענליכע אנגריפען. די גרופען האבען דאך געזוכט אונטערצושטרייכען, אז זייער קאמף איז א פרינציפיעלער, אז זיי קעמפען פאר דעמאקראטיע און וואס מעהר דעמאקראטיע אין דער יוניאן.

אמת, אויב אלע קעמפען פאר דעמאקראטיע און וואס מעהר דעמאקראטיע אין דער יוניאן, איז דאך נימא קיין אורזאכע, ווארום מענשען זאלען זיך זידלען, אבער דאס איז נים די איינציגע זאך, וואס איך פארשטעה נים: עס זיינען פאראן נאך א סך זאכען אויף דער וועלט, וואס איך פארשטעה נים.

איין זאך איז אבער זיכער, אז דער וואהל-קאמף האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס אין ברייטע קרייזען פון דער יוניאן, און דאס איז געוויס גוט פאר דער יוניאן.

ווי איהר זעהט, האט יעדע פראגע צוויי זייטען. און עס איז די אלטע געשיכטע מיט דעם בעל-עגלה, וואס איז געשטאנען אין טלית און תפילין און געשמירט די רעדער פון זיין וואגען. איינער האט אנגעוויזען אויף איהם און געזאגט: אפילו ווען ער דאווענט שמירט ער אויך די רעדער; האט אבער א צווייטער געענטפערט: ניין, אפילו ווען ער שמירט די רעדער, דאווענט ער אויך.

* * *

איך וויל האפען, אז ברודער קארל שולץ פון לאקאל 50 וועט נים ווערען אין כעס אויף מיר, ווען איך וועל זאגען, אז עס גלויבט זיך מיר נים, אויב זיין פארגעשלאגענע רעזאלוציע האט גרויסע שאנסען אנגענומען צו ווערען אויף דער קאנווענשאן, נים קוקענדיג אויף דעם, וואס זי קוקט אוים אזוי דעמאקראטיש.

ברודער קארל שולץ שרייבט, אז ער האט זיין רעזאלוציע שוין געוואלט פארשלאגען אויף דער קאנווענשאן אין באסטאן אין יאהר 1924, אבער איך ווייס נים ווארום ער האט זיך צוריקגעהאלטען. דער פארשלאג נעמליך איז, אז קיין פרעזידענט אדער וויצע-פרעזידענט זאל נים טארען זיין אין אמט מער ווי איין טערמין, דאס הייסט צוויי יאהר, און אויף יעדער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל זאל מען דעריבער וועהלען א נייעם פרעזידענט מיט א נייער גענעראל עקזעקוטיווע.

דאס קלינגט זעהר דעמאקראטיש. ערשטענס וועט דער פרעזידענט און די וויצע-פרעזידענטען זיך נים קענען איינריידען, אז זיי זיינען די באלעבאטים פון דער יוניאן, און צווייטענס וועט די „רענק און פייל" האבען א שאנס. עס איז דאך קלאר, אז ווען מען וועט דארפען וועהלען יעדע צוויי יאהר א נייעם פרעזידענט מיט א נייער גענעראל עקזעקוטיווע וועלען די שאנסען פאר „עמך", פאר איינעם פון פאלק, זיין א סך גרעסער ארויפצוקלעטערן אויף דעם אויבערשטען שטאפעל פון לייטער.

נאך איך ווייס נים גענוי ווי ברודער קארל שולץ מיינט מיט זיין פארשלאג. מיינט ער, אז מער ווי איין טערמין טאר איינער איבערהויפט נים זיין קיין פרעזידענט אדער א וויצע-פרעזידענט אין דער אינטערנעשאנאל און אויב איין מאל געווען איז דאס שוין פאר'ן גאנצען לעבען, אדער ער מיינט, אז קיינער טאר נים זיין קיין צוויי טערמינען נאך דער רייהע א פרעזידענט אדער א וויצע פרעזידענט. אם, למשל, אין ארבייטער רינג מעג א פרעזידענט אדער א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע זיין דריי יאהר אין אמט און נים מעהר, אבער דאס מיינט נים, אז דאס איז איין מאל פאר אלע מאל. ניין, אין א יאהר ארום, ווען דער פרעזידענט אדער דער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע האט זיך אפגערוהט און האט זיך אויסלופטערט, קען ער ווייטער „לויפען". און מען לויפט טאקע. אבער איך שטעל מיר פאר, אז ברודער שולץ וויל אפהיטען די דעמאקראטיע ווי געהעריג און ער מיינט דעריבער, אז מער ווי איין טערמין זאל איבערהויפט נים ערלויבט ווערען. און דאס ווייזט מיר, אז ברודער שולץ האט זעהר א געהויבענע מיינונג וועגען די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל. ער גלויבט, אז עס וועט נים זיין קיין מאנגעל צו געפינען צווישען די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל אלע צוויי יאהר א נייעם פאסענדען קאנדידאט פאר פרעזידענט און נייע פאסענדע קאנדידאטען פאר דער גענעראל עקזעקוטיווע. מאנכע האבען גראד נים אזא געהויבענע מיינונג. פראבירט רעדט מיט זיי וועלען זיי אייך זאגען, אז נים נאר זיינען פאראן ווייניג פאסענדע קאנדידאטען צווישען די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל פאר פרעזידענט, נאר אויך פאר דער גענעראל עקזעקוטיווע.

נאר עס קען זיין, אז ברודער שולץ האט נים קיין איבריגס הויכע מיינונג וועגען דעם אמט פון א פרעזידענט און פון דער גענעראל עקזעקוטיווע אין דער אינטערנעשאנאל. עס קען זיין, אז ער גלויבט, אז יעדער גוטשטעהענדער מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל קען עס זיין. אבער אין דעם פרט בין איך שוין מיט איהם אין גאנצען נים איינפארשטאנען. איך גלויב, אז דער אמט פון א פרעזידענט אין א יוניאן איז זעהר וויכטיג און אויך אז דער אמט פון דער גענעראל עקזעקוטיווע איז זעהר וויכטיג.

מיר וואלט זיך זעהר נים וועלען ארויסטרעטען געגען דעמאקראטישע פארשלאגען, אבער מיין מיינונג וועגען דעמאקראטיע איז אביסעל אנדערש.

נאר צו וואס פארנעם איך אזוי פיל פלאץ מיט א פראגע, וואס איינער האט אוועקגעשטעלט אם אזוי סתם אין דער וועלט אריין אין נאמען פון דעמאקראטיע?

איך גלויב, אז דאס איז נויטיג, איך גלויב, אז דעמאקראטיע איז א גאנץ פארפלאנטערטער ענין, וואס א סך קליבען זיך אין איהם גאנץ שלעכט פונאנדער. א סך פארגעסען אפילו, אז אין דעמאקראטיע דארף זיין א שכל און מען דארף עס דעריבער דערמאנען.

* * *

נאט איז מיין עדות, אז איך האב וועגען ברודער ב. ווינשטיין'ס בוך „די אידישע יוניאנס אין אמעריקא" געוואלט שרייבען בלויז גוטס. ערשטענס, איז אנגענעמער צו שרייבען גוטס, איידער שלעכטס. צווייטענס, צו וואס פארשאפען א קאלעגע און א נגאסע פארדרוס? נאר וואס בין איך שולדיג, אז ברודער ב. ווינשטיין האט אויף זיין בוך אנגעשריבען די ווערטער „בלעטער געשיכטע און עראינערונגען"? ווען ער לאזט אוים די ווערטער „בלעטער געשיכטע" און לאזט איבער בלויז דאס ווארט „עראינערונגען", וואלט איך וועגען זיין בוך א שלעכט ווארט נים געזאגט. עראינערונגען האב איך ליב צו לעזען, און ב. ווינשטיין האט א סך עראינערונגען צו דערצעהלען. און ווען איינער דערצעהלט אייך עראינערונגען, דארפט איהר איהם נים פרעגען, ווארום ער האט אויסגעלאזען דעם אדער יענעם נאמען, אדער די און יענע פאסירונג. איהר האט א פארטיגען ענטפער — ער דערצעהלט אייך בלויז וואס ער געדענקט און וויפיל ער געדענקט. און טאמער דערצעהלט ער אייך עפעס, וואס איז נים אינגאנצען ריכטיג, קענט איהר צו איהם אויך קיין טענה נים האבען. ער געדענקט נים בעסער. ווען איינער אבער פארמעסט זיך צו שרייבען געשיכטע, דאן דארפען מיר פון איהם פאדערען, אז עס זאל זיין געשיכטע. און ב. ווינשטיינ'ס בוך איז אזוי ווייט פון געשיכטע, ווי ווייט ב. ווינשטיין איז פון אונפארטייאישקייט.

ב. ווינשטיין איז אין זיין בוך נים בלויז פארטייאיש צו פערזאנען, נאר אויך צו פאקטען. פונקט ווי איהר קענט נים געפינען אין זיין בוך מאנכע נעמען פון פערזאנען, וועלכע געפעלען איהם נים, אזוי קענט איהר אויך נים געפינען אין זיין בוך מאנכע פאקטען, וועלכע געפעלען איהם נים.

(שלוס אויף זייט 6).

ניו־יארק

פון מ. מינדעליזאן.

עוועניוס, גאסען און סקווערען —
עלעקטרישע שויבען בלענדען
מיט חאב און מיט גוטס און מיט רייכקייט
וואו איר'ט זיך קערען און ווענדען.

באהנען פון אונטען און אויבען,
טראמס אין געיעג מיט מאשינען.
אין ליכטיגען בלענד ביי די שויבען
ווימלען די מענשען ווי בינען.

נאר אט אין א ווינקעל באם ראג
זיצט איינער מיט בלינדע צוויי אויגען,
און נים דאס פארשווינדען פון טאג
האט זיין פנים מיט שווארצקייט פארצויגען.

זיין קאפ הענגט גרוי און שווער,
און די ליפען ציטערן: א גראשן.
אין א פארווארפענעם ווינקעל אין סקווער
זיצט ער מיט אויגען טוים און פארלאשען.

אויפ'ן אינערליכען פראנט

(וואס די ענגלישע ארבייטער רעגירונג קלייבט זיך טאן אין ענגלאנד)

(א בריף פון לאנדאן)

פון וויליאם צוקערמאן.

שוין לאנג, אז די ערעפענונג פון פארלאמענט איז אין ענגלאנד ניט ערווארטעט געווארען מיט אזוי פיל אומגעדולד און אינטערעס ווי דאס מאל. די אורזאכע איז וואס ביי דיזען פארלאמענט ווערט די נייע ענגלישע ארבייטער ריגירונג געשטעלט אויף דער אמת'ער פראבע און עס וועט אויסגעפאכטען ווערען דער קאמף וועלכער וועט ענדגילטיג באשטימען איהר שיקזאל.

ביז יעצט האט די ארבייטער רעגירונג זיך אפגעגעבען מערסטענס מיט אויסערליכער פאליטיק און דא, גיבען אלע צו, האט זי געמאכט א גלענצענדען ערפאלג. די גרויסע, כמעט ווי היסטארישע אויפטועכצען פון מעקדאנאלד אין אמעריקע, פון סנאודען אין האאג און ענדערסאן אין זשענעווע האבען די ארבייטער רעגירונג שטארק איינגעפונדעוועט אין לאנד. נאר די אויסערליכע פאליטיק איז ניט דער וויכטיגסטער טייל פון א רעגירונג'ס טעטיגקייט, ספעציעל ניט פון ענגלאנד און נאך מעהר ניט פון דער ענגלישער ארבייטער רעגירונג.

די וויכטיגסטע פראבלעם אין ענגלאנד יעצט איז ניט קרובה'שאפט מיט אמעריקע; ניט דאס צוריקציהען סאלדאטען פון דייטשלאנד; ניט די דיפלאמאטישע אנערקענונג פון רוסלאנד אדער שלום מיט עגיפטען — דיזע אלע זאכען, וויכטיג ווי זיי זאלען ניט זיין פאר דער אויסערליכער וועלט, זיינען פאר ענגלאנד בלויז נעבען-זאכען. ניט צוליב דעם האט דאס ענגלישע פאלק ערוועהלט די ארבייטער רעגירונג. די הויפט-אויפגאבע פון יעדער רעגירונג אין ענגלאנד ביז דעם איצטיגען מאמענט, און ספעציעל פון אן ארבייטער רעגירונג, איז די ערלייזונג פון דעם אינערליכען עקאנאמישען פראבלעם אין לאנד: די פארגרינגערונג פון דעם אינדוסטריעלען קריזיס, וועלכער האלט אן אין ענגלאנד שוין באלד פון דער מלחמה אן, און די פארבעסערונג פון דער לאגע פון דעם ענגלישען ארבייטער. דאס איז, אין וואס ענגלאנד איז איצט אם טיפסטען פאראינטערעסירט. דאס איז אויך דער פראבע-שטיין פון דער איצטיגער רעגירונג, איהר גרעסטער און שווערסטער עקזאמען. איין עקזאמען, דעם קלענערען—פון דער אויסערליכער פאליטיק—איז זי דורכגעגאנגען. איצט שטעהט זי פאר דעם גרעסערען און וויכטיגערען עקזאמען, פון וועלכען עס היינגט אפ איהר גאנצע עקזיסטענץ.

• • •

די ארבייטער פארטיי איז גאנץ באוואוסזיניג פון דיזען צושטאנד און דארום איז זי איצט געקומען אין פארלאמענט מיט א רייכער פראגראם פון געזעצגעבונג, וועלכע האט צו טאן הויפטזעכליך מיט דער אויסבעסערונג פון דער אינערליכער עקאנאמישער לאגע. אויסערליכע פאליטיק וועט אינגאנצען אפגערוקט ווערען אויפ'ן הינטערגרונד. מען וועט אין דעם פארלאמענט בלויז באריכטען וועגען די לעצטע ערפאלגען פון מעקדאנאלד און פון זיינע קאלעגען. דעבאטירען וועגען זיי וועט מען אבער ניט. די גאנצע צייט פון איצט ביז קריסטמעס וועט דער פארלאמענט אפגעבען צו רעפארמען פון אינערליכען לעבען אין לאנד.

די ערשטע וויכטיגע רעפארמע, וועלכע די ארבייטער רעגירונג וועט פארשלאגען, וועט זיין איינצופיהרען א פענסיע פאר אלמנות און יתומים. אזא פענסיע, דארף מען וויסען, עקזיסטירט שוין אין ענגלאנד אויך איצט. די פריהערדיגע קאנסערוואטיווע רעגירונג פון מר. באלדווין האט געמאכט דעם ערשטע שריט אין דיזער ריכטונג און האט נאך מיט 3 יאהר צוריק איינגעפיהרט אזא פענסיע. די דאזיגע פענסיע איז אבער געווען זעהר באשרענקט. מען האט געצאהלט פענסיע נאר די יעניגע אלמנות, וועמעס מענער עס זיינען געווען פארזיכערט א באשטימטע צאהל יאהר פאר'ן טויט. מען האט אויך באשרענקט די צאהלונגען צו אזעלכע פרויען, וועלכע האבען ניט געהאט קיין שום אנדער איינקונפט. דער איצטיגער געזעץ-פארשלאג שלאגט פאר אפצושאפען דיזע אלע שוועריגקייטען און מעגליך מאכען פאר נאך א האלבען מיליאן פרויען צו באקומען וועכענטליכע פענסיע. (אגב, דארף מען אבער דערמאנען, אז דיזע פענסיע איז זעהר א קליינע—בלויז 10 שילינג—2 און א האלב דאלאר—א וואך. מען האט ערווארטעט, אז די ארבייטער רעגירונג וועט העכערען די פענסיע ביז 1 פונט א וואך, נאר דאס איז ניט געשעהן.)

א צווייטער, פיל וויכטיגערער געזעץ, וועלכען די רעגירונג קלייבט זיך פארצושלאגען אין גיכען, איז צו רעדוצירען די ארבייטס שעה'ן פון די מאינערס. די ענגלישע מאינערס האבען פאר דעם גענעראל סטרייק געארבייט 7 שעה א טאג. די לעצטע קאנסערוואטיווע רעגירונג האט דיזען ארבייטס-טאג געהעכערט ביז 8 שעה. איצט וויל די ארבייטער רעגירונג ווידער רעדוצירען די ארבייטס-צייט ביז 7½ שעה.

דיזער געזעץ-פארשלאג וועט זיכער ארויסרופען א גרויסען ווידערשטאנד. די לעזער וועלען זיך אפשר עראינערען, אז איינע פון די אורזאכען, וועלכע האבען געפיהרט צו דעם באריהמטען גענעראל סטרייק אין 1926, איז געווען די פאדערונג פון די באלעבאטים צו העכערען די ארבייטס שעה'ן פון די מאינערס. צוליב דעם איז געקעמפט געווארען דער גענעראל סטרייק און דער 8-מאנאטענדיגער מאינער-סטרייק. די ארבייטער האבען דאן פארלוירען און געמוזט נאכגעבען. יעצט וויל די ארבייטער רעגירונג טיילווייז גוט מאכען יענעם פארלוסט. אנשטאט 8 שעה וויל זי איינפיהרען א 7½ שעה'דיגען ארבייטס-טאג.

דער וויכטיגסטער שטרייט-פונקט אין דיזען געזעץ-פארשלאג וועט זיין דאס, וואס די רעגירונג וויל דורכפיהרען, אז אבוואהל די ארבייטס-צייט וועט רעדוצירט ווערען, זאלען אבער די וויידזשעס בלייבען די זעלבע. אויף דיזען פונקט וועלען די קאנסערוואטיווען און די פארשטעהער פון די מינען-אייגענטימער אנפיהרען א העפטיגען קאמף. עס איז אבער פונדעסטוועגען זיכער, אז זיי וועלען מוזען נאכגעבען. דאס וועט זיין די ערשטע אמת'ע הילף, וואס די ענגלישע ארבייטער וועלען באקומען פון זייער רעגירונג.

נאך א וויכטיגע רעפארמע, וועלכע די ארבייטער רעגירונג וויל דורכפיהרען אין דעם איצטיגען קאבינעט, איז אפצושאפען די רעסטריקציעס געגען די ארבייטסלאזע ביים אויסצאהלען זייערע ארבייטסלאזיגקייט געהאלטען.

ווי עס איז באוואוסט, באקומען די ארבייטסלאזע אין ענגלאנד וועכענטליכע פענסיעס (פון אומגעפעהר 1 פונט א וואך פאר יעדען ערוואקסענעם מענשען). די דאזיגע פענסיעס האלטען פשוט אויף ביים לעבען דעם מיליאן און א פערטעל ארבייטסלאזע פאמיליען, וועלכע געפינען ניט קיין ארבייט פאר יאהרען. אהן דיזע פענסיעס (וועלכע הייסען דא „דאולס") וואלט מען אין ענגלאנד פשוט געשטארבען פאר הונגער אין די גאסען. דיזע פענסיעס זיינען אבער אן אומגעהויער שווערע משא אויפ'ן שטייער-צאהלער. דארום זוכט מען אויף ווי ווייט מעגליך ארונטערצושניידען די צאהל פון די מענשען, וועמען מען דארף צאהלען פענסיעס. די לעצטע, קאנסערוואטיווע, רעגירונג

(שלוס אויף זייט 7)

אינטערנאציאנאלע ארבייטער נייעס

פון פ. ד.

וועהרענד דעם לעצטען מאנאט האט די אינטערנאציאנאלע ארבייטס-וועלט געפייערט דעם 75טען געבורטסטאג פון דעם גרעסטען וועגווייזער און פארקעמפער פונ'ם וויסענשאפטליכען סאציאליזם, קארל קאוטסקי. א זעלטען פרוכטבאר לעבען און וויסענשאפטליכער פארשונג-ארבייט שטעלט מיט זיך פאר אט דער 75-יאהריגער זקן.

גראד איצט, ווען ער האט זיך דערנעהנטערט צו 75טען לעבענס-יאהר, האט ער דער סאציאליסטישער וויסענשאפט געגעבען דאס גראנדיעזע ווערק וועגען „היסטארישען מאטעריאליזם", און קוים זיינען אט די צוויי בענדער ארויס פון דרוק, האט זיך דער אכציג-יעהריגער זקן ווידער אוועקגעזעצט צום שרייבטיש מיט'ן פרישען ארבייטס-כח, כדי צו באריייכערן די סאציאליסטישע וויסענשאפט מיט א נייע, גרויס ווערק.

דער מארקסיזם איז א וויסענשאפטליכע שול. די סאציאליסטישע באוועגונג איז די באפרייאונג-באוועגונג פונ'ם פראלעטאריאט. ביידע זיינען נישט תמיד פאראייניגט. פאראן מארקסיסטען, וואס שטעהען ווייט פון דער ארבייטער-באוועגונג. פאראן סאציאליסטען, וואס זיינען נישט מסכים מיט דער מארקסיסטישער תורה. אבער דער קאמף פאר און געגען מארקסיזם גופא איז א לעבעדיגער באווייז פון דער אומגעהויערער באדייטונג, וועלכע דער מארקסיזם האט געהאט אויף דער גייסטיגער וועלט.

די מארקסיסטישע וויסענשאפט, וועלכע איז געשאפען געווארען פון מארקס און פון ענגעלס, האט אין דער צייט פון איהרע באשטעהערס נאר א קליינע גרופע פונ'ם ארבייטער-קלאס ערגרייכט. ביז די וועלט איז צייטיג געווארען פאר א נייער אידעאלאגיע, און דא איז קאוטסקי געקומען מיט זיין קלארער, סיסטעמאטישער שפראך, וועלכער האט אויף אן פאלקסטימליך-פארשטענדליכען אופן איבערגעגעבען דעם פראלעטאריאט דאס, וואס מארקס און ענגעלס האבען איהם איבערגעלאזט אלס א צוואה פון זיין היסטארישער מיסיע, פון זיין קומענדער מאכט.

אבער קאוטסקי האט נישט בלויז פאפולאריזירט און „פארטייטשט" דעם מארקסיזם, ער האט איהם ווייטער אנטוויקעלט. קאמענטירישע שריפטען, מארקסיסטישע פארשונגען פון דער ווייטער און נאענטער פארגאנגענהייט האבען דערוויזען דעם אייזערנעם אמת פון דער נייער תורה. שריפטען וועגען דער געגענווארט און וועגען די טענדענצען פון דער נאענטער צוקונפט האבען זעלבסשטענדיג ווייטער געבויט דאס, וואס מארקס האט אוועקגעשטעלט פאר זיין צייט.

קיין חדוש נישט, אז דער גאנצער אינטערנאציאנאלער פראלעטאריאט פייערט מיט ליבשאפט דעם יובל פונ'ם גרויסען מייסטער און בויגט זיך מיט טיפער פארעהרונג פאר דעם גראנדיעזען לעבענס-ווערק, וואס קאוטסקי האט געשאפען.

אין דעם אינפארמאציאנס-בלאט פון דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל דריקט קארל קאוטסקי אויס זיין טיעפען דאנק צו אלע, וואס האבען איהם אזוי הארציג געעהרט צו זיין 75טען געבורטס-טאג, און זאגט, אז די פריינדשאפט, וואס דער ארבייטער-קלאס פון דער גאנצער וועלט האט איהם ארויסגעוויזען, באגייסטערט איהם צו פארענדיגען א גרויס ווערק וועגען די געגענזייטיגע ווירקונגען צווישען מלחמה און דעמאקראטיע, איבער וועלכען ער ארבייט איצט.

* * *

מיט א קורצער צייט צוריק האבען פ. פ. ס. און „בונד" אפגעהאלטען דעם ערשטען געמיינזאמען מאסען-מיטינג וועגען „דער פאליטישער לאגע און דער ארבייטערשאפט אין פוילען".

דער פאקט, וואס צום ערשטען מאל זיינען ארויסגעטרעטען פוילישע און אידישע סאציאליסטען צוזאמען אויף א געמיינזאמען מיטינג, האט ארויסגערופען אין גאנץ פוילען א גרויסען רושם. אפילו די רעאקציאנערע און אנטיסעמיטישע פרעסע באצייכענט דעם פאקט פאר א ווענדע-פונקט אין דער סאציאליסטישער באוועגונג פון פוילען.

די נומערען פון דער „פאלקס-צייטונג" און פון „ראבאטניק", וואס האבען איבערגעגעבען די באריכטען און די רעזאלוציעס פון דער פארזאמלונג, זיינען קאנפיסקירט געווארען, אזוי אז ס'איז אונז נישט מעגליך איבערצוגעבען די נענעמערע פרטים וועגען אט דעם היסטארישען מיטינג.

דעפוטאט ניעדזשיאלקאווסקי שרייבט אין „ראבאטניק", אז „די געמיינזאמע עפענטליכע פארזאמלונג פון פ. פ. ס. און „בונד" האט אויפגעבראכען נאך איין קינסטליכע וואנט, וואס צעשיידט ביז איצט די פוילישע און אידישע ארבייטער".

דער מחבר נוצט אויס די געלעגענהייט, כדי נאכאמאל צו פארמולירען די שטעלונג פון פ. פ. ס. צו די נאציאנאלע מינדערהייטען:

„מיר האלטען — שרייבט ער — יעדען פלאן צו „פאלאניזירען" אויף א מעכאניש-געוואלדיגען אופן די אזוי-גערופענע נאציאנאלע מינדערהייטען פאר א קינדערישער אוטאפיע און אלס געוואלדיג שעדליך פאר די אמת'ע, ווירקליכע אינטערעסען פון דער פוילישער רעפובליק".

„מיר ווילען אויסארבייטען א מעטאד, ווי אזוי צו לייזען די נאציאנאלע פראגע אין פוילען דורך א געמיינזאמער אנשטרענגונג פון די פוילישע, דייטשע, אידישע און אוקראינישע סאציאליסטען. מיר ווילען דורך דער פראקטיק פון צוזאמענארבייט דערגרייכען צו דער טעאריע פון צוזאמענארבייט, ד. ה. צו א געמיינזאמען פראגראם פון א סאציאליסטישער נאציאנאלער פאליטיק אין דער פוילישער מלוכה. דער געמיינזאמער מיטינג פון פ. פ. ס. און „בונד" אין ווארשא איז די אנהויבונג פון דער דאזיגער מעטאד".

„קיינער וועט נישט לייזען די נאציאנאלע פראגע דורך א „וואונדערליכער פארמולע", וועלכע עס וועלען אויסגעפינען די קאנצעלערן פון די פירער. די פראקטיק פון געמיינזאמען קאמף וועט ברענגען מיט זיך די „פארמולע" הונדערט מאל לייכטער און שנעלער. היינט-צו-טאג גיט זיך דער גאנצער סאציאליזם אין פוילען אפ א רעכענונג דערפון, אז די נאציאנאלע פראגע איז איינע פון די הויפט-פראבלעמען, וועלכע שטעהן גראד פאר איהם אויף זיין היסטארישען שליאך. די אנפירערשאפטען פון די סאציאליסטישע פארטייען וועלען ארויסציען די טעארעטישע קאנסעקווענצען און די פראקטישע ערפאהרונגען פון צוזאמענארבייט".

דער בולעטין פון סאציאליסטישען ארבייטער אינטערנאציאנאל באגריסט די דאזיגע געשעהעניש און פארצייכענט אט דעם פאקט אלס דעם אנפאנג פון אן אייניגונג פון סאציאליסטישען פראנט פון אלע נאציאנאליטעטען אין פוילען.

* * *

עס איז איצט שוין באקאנט דער פולשטענדיגער רעזולטאט פון די פארלאמענטער וואהלען אין טשעכאסלאוואקיע. ווי עס שטעלט זיך איצט ארויס, האבען די סאציאליסטען געהאט א זיג אויף דער גאנצער ליניע, וועהרענד די קאמוניסטען האבען געהאט א גרויסע נידערלאגע.

אין 1925 האבען די טשעכישע סאציאליסטען באקומען 20 פראצענט פון אלע אפגעגעבענע שטימען. איצט — 29. אנטשפרעכענד האט זיך אויך פארגרעסערט דער פראצענט שטימען פון די דייטשע סאציאליסטען. די טשעכישע סאציאליסטען, וועלכע האבען פריהער געהאט 29 מאנדאטען, האבען איצט באקומען 41. די דייטשע סאציאליסטען האבען פארגרעסערט זייער צאהל מאנדאטען פון 17 אויף 21. צוזאמען האבען ביידע פארטייען געוואונען איבער 400 טויזענד נייע שטימען.

די קאמוניסטען האבען פארלוירען 190 טויזענד שטימען. אנשטאט 41 מאנדאטען וועלען זיי איצט האבען נאר 30.

* * *

די ארבייטער בילדונגס פאראייניגונג פון דענעמארק, דער פאראייניגטער בילדונגס צענטער פון דער ארבייטער פארטיי, פון די טרייד יוניאנס און פון די קאאפעראטיווע אינסטיטוציעס, האט לעצטענס געקויפט פאר 125 טויזענד דענישע קראנען די פאלקס הויך-שקול אין ראסקילד. די בילדונגס פאראייניגונג דענקט דארט איינצוארדנען א „רעזידענשעל קאלעדזש" פאר ארבייטער, אלס אן ארבייטער אוניווערזיטעט, וועלכער וועט זיין דער צווייטער ארבייטער אוניווערזיטעט אין דענעמארק. די שולע וועט איבערגענומען ווערען דעם 30טען אפריל, 1930.

* * *

לויט דער סטאטיסטיק, וואס עס ווערט געפיהרט און ארויסגעגעבען פון די דייטשע טרייד יוניאנס, איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די דייטשע טרייד יוניאנס האבען איצט פיר מיליאן און 486 טויזענד מיטגלידער. אינ'ם פאריגען פערטעל יאהר האבען זיי נאך געהאט 4 מיליאן און 867 טויזענד יוניאן מיטגלידער. דאס מיינט, אז די יוניאנס אין דייטשלאנד האבען לעצטענס געוואונען 76 טויזענד מיטגלידער.

אויפ'ן אינערליכען פראנט

(שלוס פון זייט 6)

אין געווען ספעציעל שטרענג אין דיזען הינזיכט. זי האט איינגעפיהרט, אז די ארבייטסלאזע, איידער מען האט זיי באשטימט זייער פענסיע, האבען באדארפט באווייזען, אז זיי „זוכען טאקע באמת ארבייט". אזא זאך צו באווייזען איז ניט איבעריג גרינג געווען, און טויזענטער מענשען זיינען אויף אזא אופן אפגעזאגט געווארען פון זייער ארבייטסלאזען געהאלט.

די איצטיגע רעגירונג שלאגט איצט פאר דיזע שוועריגקייטען אפצושאפען. ארבייטסלאזע וועלען מעהר ניט דארפען באווייזען, אז זיי זוכען באמת ארבייט. אויב די רעגירונג וועט וועלען זיין זיכער אין דעם, וועט זי דארפען פארשלאגען דעם ארבייטסלאזען ארבייט, און נאר אויב ער וועט זיך אפזאגען, וועט מען איהם קענען אפשטעלען זיין פענסיע. ניט אנדערש.

אלע דיזע געזעץ-פראעקטען זיינען גאר אהן צווייפעל זעהר סימפאטישע און זיי וועלען אויך העלפען אביסעל צו פארגרינגערן די לאגע פון א געוויסער צאהל מענשען. עס איז אבער אויך גאנץ קלאר, אז קיין ראדיקאלע לייזונג פאר דער גאנצער לאגע אין ענגלאנד זיינען זיי ניט. מיט דעם וואס א האלב מיליאן אלמנות וועלען באקומען א פענסיע פון 2½ דאלאר א וואך; אפילו דורך דעם וואס די מאינערס וועלען ארבייטען א האלבע שעה א טאג וועניגער וועט דער עקאנאמישער קריזיס אין לאנד ניט אפגעשאפען ווערען, און וועט אפילו ניט גרינגער ווערען. עס פעהלט זיך גאר ניט קיין ארבייטער רעגירונג איינצופיהרען אזעלכע רעפארמען. פענסיעס פאר אלמנות און פאר אלטע לייט האבען די ערשטע איינגעפירט די קאנסערוואטיווען, און די מאינערס האבען שוין געארבייט זאגאר 7 שעה א טאג אונטער די ליבעראלען. פון אן ארבייטער רעגירונג ערווארטעט מען אויף דיזען געביט עטוואס מעהר ווי אזעלכע קליינע, אין תוך גענומען, ניט וויכטיגע אויסבעסערונגען. מען ערווארטעט עטוואס ראדיקאלעס, גרויס; עטוואס, אויף וואס די אנדערע פארטייען האבען קיין מוט ניט. איבערהויפט ערווארט מען פון מעקדאנאלד'ס רעגירונג עטוואס אויפ'ן געביט פון ארבייטסלאזיגקייט.

ארבייטסלאזיגקייט איז די גרעסטע צרה פון ענגלאנד פון נאך דער מלחמה אן. שוין באלד 10 יאהר, אז איבער א מיליאן ענגלישע ארבייטער געהען ארום אהן ארבייט און געפינען ניט קיין באשעפטיגונג. די ענגלישע אינדוסטריע קען צו זיך ניט קומען פון נאך דער מלחמה אן און קען ניט מעהר באשעפטיגען די צאהל מענשען, וועלכע זי האט באשעפטיגט פאר דער מלחמה. דאס איז דער קוואל פון אלע צרות אין ענגלאנד און דא ערווארטעט מען אויך די גרעסטע אויפטועכץ פון דער ארבייטער רעגירונג. צוליב דעם איז זי ערוועהלט געווארען. און אין דעם ווערען געלייגט די גרעסטע האפענונגען אויף איהר.

נאר גראדע אין דיזער וויכטיגסטער פון אלע וויכטיגע פראבלעמען האט די ארבייטער רעגירונג נאך ניט פארגעשלאגען דעם פארלאמענט. די נייע רעגירונגס-פראגראם שלאגט ניט פאר קיין זאך קאנקרעטעס וועגען דיזער פראגע. עס איז בלויז באוואוסט, אז די דאזיגע וויכטיגע פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט איז אינגאנצען איבערגעגעבען געווארען אין די הענט פון א ספעציעלען מיניסטער, דזש. טאמאס, און ער וועט אין פארלאמענט אין גיכען אפגעבען א באריכט וועגען זיין ארבייט אויף דיזען פעלד. טאמאס טומעלט אפילו א סך וועגען דיזען באריכט און זאגט צו גרויסע פלענער און נאך גרעסערע איבערראשונגען, נאר מען דארף אפווארטען און זעהן וואס פון די גרויסע פלענער וועט ארויסקומען. טאמאס איז גראד ניט פון די פאפולערסטע ארבייטער פיהרער.

יעדענפאלס קען מען איצט מיט זיכערהייט זאגען, אז דער ארבייטער רעגירונג שטעהט איצט פאר זעהר א שווערע אויפגאבע. ארבייטסלאזיגקייט איז אזא פראבלעם, וועלכע לאזט זיך ניט גרינג לייזען דורך פאליטישער אקציע. מיט געזעצען, אפילו מיט די בעסטע, קען מען ניט אזוי שנעל געזונד מאכען א קראנקע אינדוסטריע. ראמזעי מעקדאנאלד וועט אפשר אין גיכען אויסגעפינען, אז עס איז גרינגער צו ברענגען שלום אויף דער וועלט איידער עס איז צו געפינען ארבייט פאר ארבייטסלאזע, און אז עס איז גרינגער צופרידענצושטעלען וואשינגטאן און זשענעווע איידער לאנדאן. די ארבייטער רעגירונג שטעהט איצט פאר איהר אמת'ן דזשאב און דארף איצט אויסקעמפען אן ערפאלג אויפ'ן אינערליכען פראנט אזוי ווי זי האט עס שוין געטאן אויפ'ן אויסערליכען פראנט.

לאנדאן, נאוועמבער 1טען.

ווייטערע איינצאלונגען פאר'ן סטרייק טעסט

ב. שניידער, 1370 בראדוויי — — — —	363.40
מים פעי קאוטס, 263 ה. 36טע סט. — —	201.00
בערניקער בראס., 307 וו. 38טע סט. — —	32.00
קייסי קאוט קארפ., 48 איסט בראדוויי — —	68.60
גאלדסטיין ענד לעסער, 537 איסט בראדוויי — —	51.60
קושינסקי און שיצלער, 114 דיוויזשאן סט. — —	62.40
ברוקלין קלאוק קא., 346—8טע עוו. — — —	170.40
לומארס נאר קא., 252 וו. 38טע סט. — —	52.20
מ. וויינבערג, 204 וו. 40טע סט.	156.00
פ. און ר. קלאוק קא., 130 וו. 25טע סט. — —	120.20
לודמאן נאר קא., 32 וו. 35טע סט. — — —	85.40
הערמאן און סייטלעס, 580—8טע עוו. — — — —	100.00
לואיס מאגידאוו, 265 וו. 37טע סט. — — —	326.50
בוירטמאן, וויינבערג און גאלד ספינער, 134 וו. 37טע סט. —	884.30
מאקס שייקאוויץ, 307 וו. 38טע סט. — —	68.80
ליטעל קווין העט קא., 1370 בראדוויי — — —	103.40
איירא מאנופ. קא., 142 וו. 26טע סט. — —	89.00
דייוויס קאוט קא., 253 וו. 26טע סט. — —	169.20
קאם קלאוק קא., 141 וו. 26טע סט. — —	244.00
ראזענקראנץ, אבראמאוויץ און שער, 26 וו. 27טע סט. —	130.80
דזשאסים קאוט קא., 370 וו. 35טע סט. — —	59.20
ווס. סנאל און קא., 535—8טע עוו. — — —	68.80
סופער און לעווין, 327 וו. 36טע סט. — —	92.60
ליוויי ענד דעקלער, 265 וו. 40טע סט. — —	109.50
גאלדבערג און שאבאצקי, 327 וו. 36טע סט. — —	133.30
א. יארדים קא., 270 וו. 38טע סט. — —	212.60
ליפמאן און קארנפעלד, 250 וו. 39טע סט. — —	181.90
ל. גאלדסטיין, 151 וו. 26טע סט. — —	105.90
סאלאר און גרינפילד, 107 וו. 25טע סט. — —	115.20
טהעא. דרור, 212 וו. 35טע סט.	117.60
סור סייל נאר קא., 6105—20טע סט., ברוקלין	170.50
נוטקין און ראזענטאל, 38 מירטל עוו., ברוקלין —	71.60
ס. און וו. קלאוק קא., 520—8טע עוו. — — —	163.00
שאטלאנד קלאוק קא., 101 וו. 37טע סט. — —	118.00
לואיס מ. האבער, 847 וו. 36טע סט. — —	39.40
מ. מענדעלסאן און קא., 520—8טע עוו. — — —	344.40
הואווער קלאוק קא., 315 וו. 36טע סט. — —	81.20
קאפלאן און וואדעלאס, 109 דיוויזשאן סט. — —	21.00
ס. ספינער — — — — —	42.60
פ. ב. ח. קלאוק., 62 איסט בראדוויי — —	97.40
לעמעל און קאמלער, 519—8טע עוו. — — —	185.00
דייטשמאן און לעווין, 313 וו. 37טע סט. — —	313.60
סעם סיימאן, 539 סעמנס עוו., ברוקלין —	75.90
סיטי נאר קא., 700 גלענמאר עוו., ברוקלין	175.10
פעקערסאן קאוט קא., 302 וו. 37טע סט. — —	321.60
י. ס. גוטוויליגג און רודעס, 247 וו. 35טע סט. — —	31.00
גרינבערג און כאטנאוו, 266 וו. 37טע סט. — —	31.20
ליטל בארפים קאוט, 545 — 8טע עווע. — — — —	120.00
א. געגעהי, 338 וו. 39טע סט.	61.80
מ. שאפירא און קא., 260 וו. 39טע סט. — —	123.80
ב. פלאטקין, 22 וו. 31טע סט.	160.00
ווס. קאפלאן, 18 וו. 21טע סט.—	91.54
דיירעקט קלאוק קא., 34 וו. 27טע סט. — —	44.60
טריא קלאוק., 115 וו. 30טע סט.	83.90
ניו מעיד קלאוק מאנופ. קא., 270 וו. 38טע סט. — —	64.20
פליישער קלאוק., 1370 בראדוויי — — —	103.60
פרינסיפאל קלאוק., 32 וו. 18טע סט. — —	187.04
דעניעלס קלאוק, 490—8טע עוו. — — —	83.40
ישעכטער, 347 וו. 39טע סט. —	29.70
מ. שניידער, 800—7טע עוו. — — — —	77.00
בלום און גאלדמאן, 306 וו. 39טע סט. — — —	89.10
דייוו סאמסאן און קא., 580—8טע עוו. — — — —	139.00
פאדאלסקי און סארקין, 250 וו. 40טע סט. — —	74.80
פרעסטא נאר., 308 וו. 38טע.	60.60
ב. שינדעלהיים, 575 — 8טע עווע. — — —	151.84
ראזנעטי עבד קאהען, 525—7טע עוו. — — — —	58.00
פעטים טשיס, 253 וו. 39טע סט. — —	84.60
סטיילמעיד קאוט קא., 241 וו. 37טע סט. — —	323.70
סקילאוו און עלסטיין, 539 — 8טע עוו. — — —	122.65
ר. פאכטער און קא., 265 וו. 40טע סט. — —	142.05
(שלוס פון זייט 7).	
פונט קלאוק קא., 580—8טע עוו. — — — —	128.60
סטראבינג קלאוק קא., 520 — 8טע עוו. — — —	106.96
פריד און צוקער, 241 וו. 37טע סט. — —	365.46
פויער און סטיינבערג, 266 וו. 37טע סט. — —	280.86
איצקאוויץ, 125—8טע עוו., ברוקלין — — — — —	69.00
דזש. בראונהיים, 631 — 3טע עוו., ברוקלין —	49.40
הארדמאן קלאוק און סוט, 130 וו. 17טע סט. — —	103.20
א. דזש. אפעל און סאן, 123 א. 18טע סט. — —	110.50
מיידוועל, 309 וו. 36טע סט. —	197.80
עד. וואטערסאן, 270 וו. 38טע סט. — — —	60.80
מ. קאוען, 265 וו. 37טע סט.	209.00
ל. סאר, 819—8טע עוו. — —	110.40
י. רוריק און קא., 519—8טע עוו. — — —	193.80
דזשעפ קלאוק קא., 315 וו. 39טע סט. — —	121.70
לעפקאוו און פארסטאט, 150 וו. 22טע סט. — —	175.20
פרימאן און הארוויץ, 34 וו. 22טע סט. — —	97.00
ריעל קלאוק קא., 118 וו. 22טע סט. — —	415.92
קאהען און ביסקינד, 150 וו. 22טע סט. — —	131.40
רובמאן, 35 וויטהער סט., ברוקלין — — — —	96.20
נאטא, 513 סענטראל עוו., ברוקלין — — — —	100.80
בעראלוקא, 1070 ווילאבי עוו., ברוקלין — —	86.05
ראזענטאל און רוסא, 58 וואלטאן סט., ברוקלין —	99.00
ר. און פ., 82 דעוואו סט., ברוקלין — — — — —	132.00
זעלאנרינא, 222 מאנטראוז עוו., ברוקלין — — — —	118.70
אלא, 718 אטלאנטיס עוו., ברוקלין — — — — —	194.60
אפעל, 81 מאנטראוז עוו., ברוקלין — — — — —	78.20
מ. אוננער, 1811 בליקער סט., ברוקלין — — — —	125.20
הוס, 685 פארק עוו., ברוקלין	46.00
ליסקאווסקי, 326 פארק עוו., ברוקלין — — — —	96.20
פ. ה., 525 פראנקלין עוו., ברוקלין — — — — —	165.08

פון וואך צו וואך

(שלוס פון זייט 5).

און אויך די פערזאנען און די פאקטען, וועלכע ער דערמאנט, האבען ניט קיין גלייכען מזל ביי איהם. נאר וואס איז שייך צו פערזאנען, פארשטעהט איך. עס איז די אלטע געשיכטע פון טיילען עליות. און ווען עס קומט צו עליות, זיינען פאראן פעטע עליות און מאגערע עליות. און ווען מען רופט אויף צו עליות, איז איינער א מורה מורנו און דער צווייטער איז אפילו ניט קיין ר'. אין דעם איז פאראן א סיסטעם. אבער צו פאקטען טיילט מען דאך קיין עליות ניט, זיי ווייניגסטענס דארף מען דאך באהאנדלען גלייך ווי זיי פארדינען. און אויב איינער קען ניט גובר זיין אין זיך זיין פארטייאישקייט, דארף ער זיך ניט נעהמען צו אזא ארבייט ווי שרייבען געשיכטע.

איך האב זיך באזונדערס פאראינטערעסירט מיט דעם טייל פון ב. וויינשטיין'ס בוך, וואס פארנעהמט זיך מיט דער געשיכטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן. מיר דוכט, אז דער טייל פון דער געשיכטע פון די אידישע יוניאנס אין אמעריקא איז מיר מעהר אדער וועניגער גוט באקאנט. אבער אט דער טייל אין ב. וויינשטיין'ס בוך איז פאר מיר געווען די גרעסטע אנטוישונג. עס איז אלע וואס איהר ווילט, אבער ניט געשיכטע. און גראד האט ב. וויינשטיין געוואלט זיין אין דער געשיכטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן, ווי מען זאגט עס אויף היינע אידיש, „אפ טו דעיט". איהר האט שוין אין זיין בוך אפילו דעם לעצטען קלאוקמאכער סטרייק און זיינע רעזולטאטען. אבער ניט אזוי שרייבט מען געשיכטע, נאר נייעס פאר א צייטונג. געשיכטע ווערט ניט געשריבען אונטער פריש-צאפלדיגע איינדרוקען און פערזענליכע באציהונגען. פאקטען און פאסירונגען דארפען פריהער גוט פארדייט ווערען איידער זיי ווערען אריינגעשריבען אין דער געשיכטע. און ניט די פאקטען אליין זיינען געשיכטע, נאר די ערקלערונגען און די אויסטייטשונגען פון די פאקטען.

ווירקליך א פארדרוס, וואס ב. וויינשטיין האט אנשטאט עראינערונגען זיך גענומען שרייבען געשיכטע.

נאציאנאלע קאנווענשאן פאר די ארבייטער אין פאלעסטינע

אלע פארבערייטונגען ווערען שוין געמאכט צו דעם פינפטען נאציאנאלען צוזאמענפאהר פאר די ארגאניזירטע אידישע ארבייטער אין ארץ-ישראל, וועלכער וועט פארקומען אין ניו יארק פון 29טען נאוועמבער ביז'ן 1טען דעצעמבער.

די זיצונגען פון דער קאנווענשאן וועלען פארקומען שבת און זונטאג אין בעטהאווען האל. דעם ערשטען טאג וועלען אויסגעהערט ווערען בעריכטען פון געווערקשאפטען קאמפיין און רעפעראטען וועגען דער איצטיגער לאגע אין ארץ-ישראל, די שטעלונג פון דער ארבייטערשאפט צו די לעצטע פאסירונגען און די ווייטערע אויפגאבען דא אין אמעריקא. זונטאג פריה וועלען פארקומען א רייהע קאנפערענצען פון די באזונדערע סטייט דעלעגאציעס און די פארשידענע ארבייטער קערפערשאפטען. זונטאג נאכמיטאג וועט פארקומען די לעצטע זיצונג, וואו עס וועלען אנגענומען ווערען א רייהע וויכטיגע רעזאלוציעס, און עס וועט ערוועהלט ווערען דער נאציאנאלער ארבייטער קאמיטעט פאר דעם קומענדען יאהר.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

[illegible]
(שמות, [illegible])
[illegible]

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראייני-
ניגט אייך, און די
וועלט וועט זיין
אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. XI. No. 36. New York, N. Y., Friday, November 22, 1929 — 1929 ניו יארק, פרייטאג, 22טער נאוועמבער, — PRICE 3 CENTS

קאנפערענצען מיט דרעס אסאסיאיישאנס באשליסען פארזעצען אגרימענט-באראטונגען

קאנפערענצען וועלען ניט פארהינדערן גענעראל סטרייק געגען סוועט שעפער אין דער דרעס אינדוסטריע. — אין דיזען סטרייק וועט די אינטערנעשאנאל אונטער אלע אומשטענדען מוזען אויסקעמפען בעסערע ארבייטס און לעבענס באדינגונגען פאר די ארבייטער אין דער אינדוסטריע — זאגט פרעזידענט שלעזינגער.

פארינגע וואך זיינען פארגעקומען דריי קאנפערענצען צווישען דער דרעססמאכער יוניאן און די דרעס מאנופעקטשורערס און דזשאבערס אסאסיאיישאנס. דאס זיינען געווען די ערשטע אפיציעלע זיצונגען וועגען אגרימענט פארהאנדלונגען.

פרעזידענט שלעזינגער האט דער ערשטער אנטוויקעלט א בילד פון דעם איצטיגען צושטאנד אין דער דרעס אינדוסטריע און האט מיט גרויס טרייד-באקאנטשאפט אויפגעוויזען דעם כאאס, וואס עס הערשט איצט אין דער דרעס אינדוסטריע דורך דעם וואוקס פון דעם סוועט-שאפ סיסטעם. זיינע שילדערונגען וועגען דער טרויעריגער לאגע פון די ארבייטער אין דרעס-טרייד האבען געמאכט א טיפען איינדרוק. ער האט פארגעלייגט א פלאן, אז אלע פאראינטערעסירטע צדדים אין דער דרעס אינדוסטריע זאלען מיט פאראייניגטע כוחות אויפנעהמען דעם קאמף געגען די סוועט-שעפער, אום צו באזייטיגען די דעמאראליזאציע אין דער אינדוסטריע, וואס וואקסט ארויס פון דעם סוועט-שאפ סיסטעם.

די פארטרעטער פון די באסעס פון אלע דריי אסאסיאיישאנס האבען געמוזט אנערקענען די ריכטיגקייט פון פרעזידענט שלעזינגער'ס שילדערונגען פון דער לאגע אין דער אינדוסטריע און פון די ארבייטער אין טרייד. עס איז צום סוף פון די באראטונגען באשלאסען געווארען, אז סאב-קאמיטעס פון ביידע צדדים זאלען ווייטער פיהרען די פארהאנדלונגען.

ביי דער קאנפערענץ מיט די קאנטראקטארס האבען זייערע פארטרעטער ערקלעהרט, אז די קאנטראקטארס זיינען ווילינג זיך צו ארגאניזירען צום קאמף מיט די סוועט-שעפער.

ווען דער רעפארטער פון דער „גערעכטיגקייט" האט, נאך דער קאנפערענץ, געפרעגט ביי פרעזידענט שלעזינגער וואס עס איז זיין איינדרוק וועגען די ערשטע פארהאנדלונגען מיט די דרעס באלעבאטים, האט ער ערקלעהרט, אז לויט זיין מיינונג, וועלען די קאנפערענצען ניט אימשטאנד זיין צו פארמיידען א גענעראל סטרייק אין דעם טרייד, וועלכער וועט הויפטזעכליך געפיהרט ווערען געגען די סוועט און סקעב נעסטען. אויף יעדען פאל — האט פרעזידענט שלעזינגער מיר מיט אן ענטשלאסענעם טאן געזאגט — וועט די יוניאן אין דיזען סטרייק זיכער אויסנוצען די געלעגענהייט צו פארזיכערן די ארבייטער אין דער דרעס אינדוסטריע א מענשליכען לעבען און מענשליכע ארבייטס-באדינגונגען.

ווייטערע וואהל רעזולטאטען פאר דעלעגאטען צו דער קליוולענדער קאנווענשאן

די וואהלען פאר דעלעגאטען צו דער קליוולאנדער קאנווענשאן זיינען כמעט שוין פארענדיגט. אין די לאקאלען, וואו די וואהלען זיינען פארגעקומען ווערענד דער לעצטער וואך, איז די פאר-אינטערעסירונג און באטייליגונג געווען זעהר גרויס.

אין לאקאל 22, דרעססמאכער יוניאן, ניו יארק, זיינען אפגעגעבען געווארען 995 שטימען.

אין לאקאל 10, וואו עס איז בכלל ניט פארגעקומען קיין וואהל-קאמף, זיינען פונדעסטוועגען אפגעגעבען געווארען העכער 700 שטימען.

אין לאקאל 91 ארום 400 שטימען.

עקטינג פרעזידענט דובינסקי האט אין זיין לאקאל באקומען כמעט אן איינשטימיגען וואוט. וויים-פרעזידענט האכמאן און די וויים-פרעזידענטען וואנדער און גרינבערג האבען אין זייערע לאקאלען באקומען די גרעסטע צאהל אפגעגעבענע שטימען.

געוועהלט געווארען זיינען פאלגענדע דעלעגאטען:

אין לאקאל 10: ד. דובינסקי, ס. פערלמוטער, מ. דזשייקאבס, ד. פרולינג, פענקין און מאקס סטאלער.

אין לאקאל 23: הארי וואנדער, מענעדזשער פרימעט, ברודער פרוממשיס און טשארל דזשייקאבסאן.

אין לאקאל 3, — פיק, שוועגער און פענסטער.

אין לאקאל 91: הארי גרינבערג, מ. בערקאוויטש, פעטער ליקאלפי און מ. יאנקעלעוויטש.

אין לאקאל 22: דזשוליוס האכמאן, מענעדזשער שיפלמאן, מארגאלין, דינערשטיין, ראוז מירסקי, איידא רובין, יאשע שניידער און איזידאר ראזענפעלד.

אין פילאדעלפיא זיינען געוועהלט געווארען פאלגענדע ברידער:

אין לאקאל 50: עליאס רייזבערג, מ. לעווין, א. בלומפעלד, מ. דאמסקי, א. גאלדין, מ. שמעס.

לאקאל 47: ראלף דאנאטא.

לאקאל 53: דזש. סעסלער און הערי דאווידס.

לאקאל 69: בעקי שטיין און שרה גרינבערג.

לאקאל 77: דזש. רובין און ב. איסראעל.

פילאדעלפיער דזשאינט באארד — ס. רודין.

לאקאל 62:
א. שניידער
ס. שאפירא
ס. בראמער
ראוז גראר

לאקאל 38:
ב. דרייזין
י. דזשייקאבס
ר. ווימילא
ראוז בערנשטיין

לאקאל 82:
מענעדזשער ראזענבלאט
מארים גריפער

ספעציעלע קאנווענשאן טריין פאר די דעלעגאטען צו דער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן

דער דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל האט ארענזשירט, אז אלע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער א. ל. ג. וו. י. זאלען קאנען צוזאמען פאהרען קיין קליוולאנד מיט א באזונדערער טריין. די ספעשעל טריין וועט פארלאזען ניו יארק שבת, דעם 30טען נאוועמבער, 7 אזייגער אין אווענט.

די דעלעגאטען פון באסטאן, פון פילאדעלפיא און פון אנדערע שטעט ארום ניו יארק, וואס ווילען מיטפאהרען מיט דער ספעציעלער טריין, וועלען מוזען זיין אין ציים, שבת דעם 30טען נאוועמבער, אין ניו יארק. אלע דעלעגאטען, וואס ווילען פאהרען מיט דער ספעציעלער טריין, לאזען מיר וויסען, אז די ספעשעל טריין וועט אפפאהרען פון האבאקען, לאקאוואנא סטיישאן. פאהרען קיין האבאקען קען מען מיט דער פערי פון דער 23טער סטריט און פון קריסטאפער סטריט.

אין קליוולאנד וועלען אלע דעלעגאטען ערווארטעט ווערען ביים סטיישאן, און וועלען מיט ספעציעל צוגעגרייטע אויטאמאבילס און מיט מוזיק אפגעפיהרט ווערען אין די קאנווענשאן העדקוואטערס.

מארגען, שבת אווענט, צוואנציג יאהריגע פייערונג פון גרויסען דרעס מאכער סטרייק

מארגען, שבת דעם 23טען נאוועמבער, וועט אין אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל פארקומען א פייערונג פון דעם גרויסען דרעססמאכער סטרייק, וואס איז געפיהרט געווארען מיט 20 יאהר צוריק. דאס וועט זיין אן אינטימער צוזאמענקונפט פאר אלטע יוניאן לייט, וואס האבען זיך באטייליגט אין גרויסען דרעססמאכער קאמף. צו דער פייערונג זיינען אויך איינגעלאדען געווארען אלע לאקאלען און דזשענעראל בעאמטע פון דער יוניאן.

אזוי ווי עס איז שווער צו באקומען די אדרעסען פון אלע די יעניגע, וואס האבען זיך דאמאלס באטייליגט אין קאמף, בעטען מיר זיי דורך דער ציימונג, אז זיי זאלען קומען צו דער פייערונג.

ערשט-קלאסיגע ארטיסטען וועלען זיך באטייליגען אין דעם צוזאמענקונפט און די פיהרער פון סטרייק וועלען שילדערען אינטערעסאנטע סצענעס פון אמאליגען שלאכט-פעלד.

די אומפארטייאישע קאמיטע צו די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל

פריינד:

די אונטערגעשריבענע קאמיטע, וועלכע איז באשטימט געווארען פון אייערע בעאמטע אויפצופאסען אויף די וואהלען פון דעלעגאטען צו דער קליוולאנדער קאנווענשאן פון די לאקאלען, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער דזשאינט באארד, האט פארענדיגט איהר ארבייט. צוויי מאל האבען מיר עפענטליך אויפגעפאדערט די מיטגלידער צו מאכען קאמפליינטס איבער די עלעקשאנס, אויב עולכע זיינען פאראן. מיר האבען אבער ניט דערהאלטען קיין שום „טשארדזשעס" וועגען אומרעגעלמעסיגקייטען אין די וואהלען.

כדי צו פארזיכערן אנשטענדיגע וואהלען אין יעדער באציהונג, האבען מיר באשטימט אונזערע פארטרעטער, וואס זיינען די גאנצע ציים אנוועזענד געווען ביי די וואהלען אין לאקאל 2, 9, 10, 22, 35 און 48. אלע אונזערע פארטרעטער זיינען געווען עהרליכע מענשען, וואס האבען קיין שום שייכות ניט צו דער יוניאן, און האבען ניט גענומען קיין באקאנטשאפט מיט קיינעם פון די קאנדידאטען און וואהל-בעאמטע. זיי האבען פאר אונז ערקלעהרט, אז די וואהלען און דער צעהלען די שטימען זיינען פארגעקומען אויף אן אנשטענדיגען אופן.

זיי ערקלעהרען ווייטער, אז אבוואהל עס איז זיי אויסגעקומען אויסצוגלייכען פארשיידענע סכסוכים, איז אבער צו זיי ניט געמאכט געווארען קיין שום קאמפליינטס, וואס זיי האבען ניט געקענט ערליידיגען צו דער צופרידענהייט פון דעם

(שלוס אויף זייט 2)

קרעדענשעל קאמיטע פאר דער קליוולאנדער קאנווענשאן

דער דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל לאזט אונז וויסען, אז פרעזידענט שלעזינגער האט באשטימט פאלגענדע ערוועהלטע קאנווענשאן-דעלעגאטען אלס מיטגלידער פון דער קרעדענשעל קאמיטע:

איזידאר נאגלער, ניו יארקער דזשאינט באארד, טשערמאן.
נ. מארגאלים, לאקאל 22, סעקר.
אלעקס סטודענט, לאקאל 2.
לואיס פריעד, לאקאל 26.
מאקס קאהן, לאקאל 35.
עדווארד מוסאליני, לאקאל 48.
ס. רודין, פילאדעלפיער דזשאינט באארד.

די מיטינגען פון דער קרעדענשעל קאמיטע וועלען זיך אנפאנגען קומענדע וואך אין דעם אפיס פון דער אינטערנעשאנאל.

באקאנטמאכונג פון דער קאנווענשאן קרעדענשעל קאמיטע.

אלע די יעניגע, וואס האבען וועלכע ניט איז אבדזשעקשאן צו אן ערוועהלטען קאנווענשאן דעלעגאט, זאלען זיך ווענדען צו ברודער איזידאר נאגלער, טשערמאן פון דער קאנווענשאן קרעדענשאל קאמיטע, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק. און יעדער פון זיי וועט אינפארמירט ווערען, ווען צו ערשיינען פאר דער קאמיטע.

א. נאגלער, טשערמאן.
נ. מארגאלים, סעקרעטאר.

קלאוקמאכער געגען גרופען פאליטיק אין דער יוניאן

(שלוס פון זייט 1).

אנגעפאנגען לעצטען שבת, אין לאקאל 17 און אין דער ריינקאוטמאכער יוניאן לאקאל 20. מאנטאג זיינען פארגעקומען די עלעקשאנס אין לאקאל 35 און דינסטאג אין לאקאל 2 און אין לאקאל 9.

ווען מיר געהען צום דרוק, קומען פאר קאנווענשאן-וואהלען אין די לאקאלען 3, 22, 23 און 91. די וואהלען אין לאקאל 10 וועלען זיין שבת, דעם 11טען נאוועמבער.

ביז איצט זיינען געוועהלט געווארען פאלגענדע קאנדידאטען:

פון לאקאל 17: דזשייקאב העלער, א. בעלסאן, מאיר ארשאוויץ, סטאנסלעוויטש און לעווענטאל. אלס פארטרעטער זיינען ערוועהלט געווארען: מ. לעווין, גאלוב, א. עפשטיין, העכסט און מאיעווסקי.

ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20: סאלינסקי, פרידמאן און ארלינסקי.

לאקאל 35: דזש. ברעסלאוו, מאקס קאהן, י. וואסילעווסקי, ל. לאנגער, מ. טראנסקי, ל. בינעל, ל. ריף און א. ראטשטיין.

לאקאל 2 — ב. שלעזינגער, 1585; בען סאקלאן, 1186; בען מאזער, 887; אלעקס סטודענט, 773; ה. פריד, 749; רח צוקערמאן, 748; א. אייבראמסאן, 788; ב. גאלוב, 703; ישראל פיינבערג, 690; א. ראזענבערג, 690; ה. משענסער, 664; ב. חיינס, 632.

לאקאל 9 — ג. קווערצמאן, 933; ס. קאפנאן, 783; ס. בערמאן, 753; ס. גאלדשטיין, 761; ח. זיוומאן, 687; ב. ראזענבערג, 678; ג. ליס, 640; מ. רעכבאק, 593.

שיקאגא.

ביז איצט זיינען אונז בלויז באקאנט די וואהל-רעזולטאטען פון דריי שיקאגער לאקאלס.

די מעמבערס פון אפרייטארס לאקאל 5 האבען ערוועהלט דייוו בעראוויץ, סאל סלעפ און ב. פייטעלסאן.

די מעמבערס פון פרעסערס לאקאל 18 האבען ערוועהלט דען דזשעראם.

די מעמבערס פון פינישערס לאקאל 59 האבען ערוועהלט סיימאן פעטער, ח. רופער און טרובאקאוו.

קליוולאנד.

אין קליוולאנד זיינען געוועהלט געווארען פאלגענדע דעלעגאטען:

לאקאל 26: לואיס פרענד, סעם פינקעל און נייטען סאלאמאן.

לאקאל 27: הערי באקסט, דזשעק סילווערשטיין.

לאקאל 39: טילי גאלקינס, טילי קרעסטע און קארי נאלגער.

לאקאל 37: יוליוס גוראלניק, סעם טוירס.

לאקאל 42: טשאס. קריינדלער, מארים טייטעל.

לאקאל 44: דזשאו מאגיסטרא, דזשאו אלאמיא.

ניי-ערוועהלטע אדמיניסטראציע פון דער קלאוק און דרעס פרעסערס יוניאן, לאקאל 35

לעצטען מאנטאג זיינען אין לאקאל 35 פרעסערס יוניאן פארגעקומען וואהלען פאר קאנווענשאן דעלעגאטען, ווי אויך פאר א נייער יוניאן אדמיניסטראציע פאר דעם קומענדען יאהר. דער אינטערעס אין די וואהלען איז געווען אזוי גרויס, אז עס זיינען אפגעגעבען געווארען העכער 18 הונדערט שטימען.

פאר מענעדזשער פון לאקאל איז דזש. ברעסלאו נאך אוים'ן נאמינייישאן מיטינג ווידער איינשטימיג ערוועהלט געווארען. מאקס קאהן, דער ביז איצטיגער טשערמאן פון לאקאל, איז דאמאלסט אויך ווידער ערוועהלט געווארען אהן איין שטימע געגען.

פאר עקזעקוטיוו מעמבערס פון קלאוק דיוויזשאן זיינען ערוועהלט געווארען: ל. ביגעל, מ. גאלדבערג, ח. דובאוו, ה. וויינער, ג. ווילקס, א. זאסלאוי, ב. טרילינג, א. לעווינסאן, ל. לאנגער, מאקס מארקוס, דזש. מעלצער, מ. סילווערמאן, ה. סלוצקי, מ. פיליפס, דזש. צוויס, קארל קאלבאס, י. ראטשטיין און ה. שטראוס.

פאר עקזעקוטיוו מעמבערס פון דרעס דיוויזשאן: ס. דווירסט, י. וואסילעווסקי, מייער לאעוו, ל. ריף, ס. סייפס, י. פיינסטיין, דזש. סאץ און פ. שוירמאן.

פאר ביזנעס איידזשענטס פון קלאוק דיוויזשאן: טש. טראנסקי, דזש. גאלד, מ. גאלדשטיין, מ. גאלדאווסקי און מ. קארלינסקי.

פאר ביזנעס איידזשענטס פון דרעס דיוויזשאן: מ. גוזמאן און נ. שעכטער.

צוואנציג יאהריגע פייערונג פון גרויסען דרעס מאכער סטרייק

שבת, דעם 23טען נאוועמבער, וועט אין אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל פארקומען א פייערונג פון דעם גרויסען דרעססמאכער סטרייק וואס איז געפיהרט געווארען מיט 20 יאהר צוריק. דאס וועט זיין אן אינטימער צוזאמענקונפט פאר אלטע יוניאן לייט, וואס האבען זיך באטייליגט אין גרויסען דרעססמאכער קאמף. צו דער פייערונג זיינען אויך איינגעלאדען געווארען אלע לאקאלע און דזשענעראל בעאמטע פון דער יוניאן.

אזוי ווי עס איז שווער צו באקומען די אדרעסען פון אלע די יעניגע וואס האבען זיך דאמאלס באטייליגט אין קאמף, בעטען מיר זיי דורך דער ציימונג, אז זיי זאלען קומען צו דער פייערונג.

ווייטערע קלאוק און דרעס שעפער פאר די געליטענע אין פאלעסטינע

עקסקלוזיוו רעין,	
ת. בינום, טשערמאן — —	$ 8.33
נאוועלטי רעין,	
ס. נאוש, טשערמאן —	38.05
הערדים בראס.	
דזש. קעסלער, טשערמאן	37.90
סופער רעינוועיר,	
ד. מאסקין, טשערמאן —	73.85
ס. לעווין,	
ס. גאלדבערג, טשערמאן	24.20
ווילקס בראס.	
י. קאהען, טשערמאן —	32.00
פולמאן קאוט קא.	
א. פערסאף, טשערמאן	36.00
לעווינטז מאררים,	
דזש. וואסערמאן, טשערמ.	42.90
שוירמאן בראס.,	
ס. אלעססי, טשערמאן —	125.93
קוואליטי קאוט קא.,	
ב. נעססאן, טשערמאן —	38.13
נודיער שאפ,	
ריטשמאן, טשערמאן —	18.00
דרעססמאכער יוניאן, לאק. 50	101.50
קאסטאם דרעסמייקערס,	
לאקאל 38, ג. י. — —	91.40
רעינקאוט מייקערס יוניאן,	
לאקאל 20, ג. י. — — —	475.29

דיסטריקט אטוירני'ס טאכטער פרעדיגט יוניאניזם אויף דרעססמאכער מיטינג

לעצטען מיטוואך אווענט איז מיס טאטל, באגליים פון איהר פאטער, יונייטער סטייטס דיס. אטוירני טאטל, געקומען אויף א דרעססמאכער מיטינג און געהאלטען א פייערדיגע טרייד-יוניאן רעדע. דער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין דער „יאנג וואמענס קריסטשען אסאסיאיישאן", לעקסינגטאן עוו. און 53טע סטריט, און איז געווען איינער פון פילע מיטינגען, וואס די קאסטאם-דרעססמאכער יוניאן האט גערופען אין משך פון איהר ארגאניזאציאנס דרייוו עס איז געווען אן אויסערגעוועהנליכער געגען די רייכסטע ניט-יוניאן שעפער. מיטינג סיי לויט דעם פארזאמעלטען עולם, סיי לויט די רעדנער, וואס האבען דעם מיטינג אדרעסירט.

דער מייטנג האל איז געווען איבערפילט מיט די קאסטאם דרעססמאכערינס, וואס ארבייטען אין די רייכסטע שעפער אויף דער פינסטער עוועניו. צווישען די ארבייטערינס האט מען געקאנט זעהן פרויען פון פארשיידענע נאציאנען און לענדער. נעבען בלאנדע סלאווישע פרויען האט מען געזעהן ברונעטע שפאניערקעס און איטאליענערקעס. די רעדנער אוים'ן מיטינג ווידער זיינען ניט געווען, ווי געוועהנליך, בלויז יוניאן-פיהרער, צווישען די רעדנער האבען זיך אויך געפונען סטודענטען פון קאלאמביא קאלעדזש, וואס סימפאטיזירען מיט'ן ארגאניזאציאנס דרייוו פון דער קאסטאם דרעססמאכער יוניאן.

א באזונדערען אינטערעס האט ארויסגערופען מיט איהר רעדע, מיס טאטל, די יונגע טאכטער פון יונייטעד סטייטס דיסטריקט אטוירני טאטל, וועלכע איז אלס קאלעדזש סטודענטין מיט נאך 26 חבר'טעס אוועק אין שאפ ארבייטען אום זיך צו באקענען מיט'ן לעבען פון די ארבייטער-פרויען אין די שעפער. ווי עס איז שוין געווען געמאלדען, איז די יונגע סטודענטקע געווארען א סאציאליסטקע פון איהר ערפאהרונג אין שאפ.

מיס טאטעל האט געשילדערט איהרע שאפ-ערפאהרונגען פאר דעם מיטינג און האט געזאגט, אז פאר די ארבייטער פרויען איז די יוניאן דער איינציגער מיטעל צו פארבעסערן דאס לעבען פון די ארבייטער.

עס האט אויך גערעדט דער פרעזידענט פון דער מוזישען יוניאן אין ניו יארק און ער האט די פארזאמעלטע דרעססמאכער דערציילט וועגען דעם גרויסען נוצען וואס די מוזישענס האבען פון זייער ארגאניזאציע.

פון דער אינטערנעשאנאל האט גערעדט ברודער ישראל פיינבערג, דער געוועזענער דזשענעראל מענעדזשער פון דער ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. ער האט דעם מיטינג דערצעהלט וועגען דעם לעצטען הערואישען קאמף פון די ניו יארקער קלאוקמאכער און וועגען די פארבעסערונגען וואס די יוניאן האט אויסגעקעמפט פאר די ארבייטער אין טרייד. ער האט זיי דערצעהלט וועגען דעם גלענצענדען קאמף פון די דרעססמאכער און וועגען דעם איצטיגען ארגאניזאציאנס דרייוו אין דעם גאנצען דרעס טרייד פון ניו יארק. א חוץ פיינבערג'ען האט נאך גערעדט מיס הילער, די ארגאנייזערין פון לאקאל 38.

ברודער דרייזען איז געווען דער טשערמאן פון דיזען אינטערעסאנטען מיטינג און ער האט אין זיין ערעפענונג ווי אויך אין זיין שלוס רעדע גערעדט וועגען דעם נוצען פון א יוניאן פאר די ארבייטער.

קאנווענשאן וואהלען ביי לאקאל 62

די ווהייט גודס וואירקערס יוניאן וועט אפהאלטען עלעקשאנס פאר דעלעגאטען צו דער קומענדער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן די קומענדע וואך. דעם גענויען דיים וועלען מיר לאזען וויסען דורכ'ן „פארווערטס".

שטימען וועט קענען פון 2 אזייגער בייטאג ביז 7 אזייגער אווענט אין די פאלגענדע פלעצער:

106 פארסיים סטריט, צווישען ברום און גרענד.

247 לעקסינגטאן עוועניו, צווישען 34 טון 35טע סט.

אין אפיס פון דער יוניאן, 3 וועסט 16טע סטריט.

יעדע רמעמבער פון דער יוניאן וואס קומט שטימען מוז האבען דעם יוניאן ביכעל מיט זיך. און נאר די וועלכע זיינען שולדיג ניט מעהר ווי 39 וואכען דיוס וועלען האבען א רעכט צו שטימען.

מיר אפעלירען צו אלע מיטגלידער פון אונזער יוניאן צו טאן זייער פליכט און קומען דאנערשטאג, דעם 21טען נאוועמבער, צווישען 12 בייטאג און 7 אין אווענט אין די דריי אויסגערעכנטע ערטער און אפגעבען זייערע שטימען פאר די בעסטע און געטרייסטע דינער פון דער יוניאן.

מיט גרוס,
די עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע פון דער ווהייט גודס וואירקערס יוניאן. לאקאל 62
א. ל. ג. וו. י.
פעני רעזניקאף, — קאמיטע.

פאלגענדע זיינען דורכגעגאנגען די עקזאמינייישאנס און וועלען זיין אויף דעם באלאט:

1) ברענער, פעני.
2) גרעד, ראוז.
3) העלפאנט, בעצי.
4) סאפער, ראוז.
5) סניידער, ז.

ספעציעלע קאנווענשאן טריין פאר די דעלעגאטען צו דער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן

דער דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, האט ארענזשירט אז אלע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער א. ל. ג. וו. י. זאלען קאנען צוזאמען פאהרען קיין קליוולאנד מיט א באזונדערער טריין. די ספעשעל טריין וועט פארלאזען ניו יארק שבת ביינאכט, דעם 30טען נאוועמבער. די דעלעגאטען פון באסטאן, פון פילאדעלפיא און פון אנדערע שטעדט ארום ניו יארק וואס ווילען מיטפאהרען מיט דער ספעציעלער טריין, וועלען מוזען זיין אין ציים, שבת דעם 30טען נאוועמבער, אין ניו יארק. אלע דעלעגאטען וואס ווילען פאהרען מיט דער ספעציעלער טריין, דארפען גלייך מעלדען דעם גענעראל סעקרעטאר פון דער אינטערנעשאנאל.

אין קליוולאנד וועלען אלע דעלעגאטען ערווארטעט ווערען ביים סטיישאן און וועלען מיט ספעציעלע צוגעגרייטע אויטאמאבילס און מיט מוזיק אפגעפיהרט ווערען אין די קאנווענשאן העדקוואטערס.

די קליוולאנדער יוניאן אפיסעס זיינען די גאנצע ציים ביזי מיט קאנווענשאן פארבערייטונגען און זיי באמיהען זיך די דעלעגאטען צו געבען א „גוד טאים".

דאנק רעזאלוציע

מיר, די ארבייטער פון ציארטי און פריד, 463 7טע עוועניו, פארזאמעלט ביי א שאפ-מיטינג, דעם 11טען נאוועמבער, אין בילדינג פון דער דזשאינט באארד, 120 איסט 25טע סטריט, דריקען אוים א דאנק צו ברודער אייב כהן, טשערמאן פון שאפ, פאר זיין איבערגעבענהייט צו די אינטערעסען פון די ארבייטער פון שאפ, אלס אויסדרוק פון אונזער דאנקבארקייט פרעזענטירען מיר איהם מיט א טשעק פון 150 דאלאר. מיר ווינשען איהם, ער זאל דאס מאר נוצען געזונטערהייד.

די קאמיטע,
רוטקין, שאפירא, יאקעלעוויץ, [illegible]